STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04353

MITN KOP AROP

Der Tunkeler

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער טונקעלער.

מיטן קאָפּ אַראָפּ

פּאַראָדיעס

פארלאג „צענטראל" ווארשא

Printed in Poland

Druk. „GLORIA“ Warszawa, Solna 9.

זוך־צעטל:

דער טונקעלער (זעלבסט־כאַראַקטעריסטיק) XIII — V

נאַטור שילדערונגען ביי פערשידענע שרייבער:

שמ"ר 3
מענדעלי מוכר ספרים 4
י. ל. פרץ 5
שלום עליכם 6
שלום אַש 7
אברהם רייזען 8
נאָמבערג 9
משה סטאַווסקי 10
קאָברין־ליבין 11
מנחם — זילבערג — מאַסטבוים 12

פראָזע און טינטלעריי

דוד בערגעלסאָן (דער יורד) 13
עוזר ווארשאַווסקי (שמוגלאַרס) 15
ז. שניאור (מעשי בראשית) 18
אנכי (ר' אבא) 21
דער נסתר (קיקעריקו) 23
ר' מרדכלי (איבערזעצונג פון אַ ראָמאַן) 25
ד"ר גרשון לעווין (איך און פרץ) 27

„טרעאַטער"

פרץ הירשביין (איינזאַמע ווערטער) 31
ז. וויטער (אויפן פייער) 34
יצחק קאַצנעלסאָן (סקאַרפעטען) 37
דאָס פינטעלע יוד (פאָלקס־שטיק) 40

פאָעזיע און גראַמאָמאַניע

יהואש (ווי ס'ווערען לידער פערפאַסט) 57
ווינטשעווסקי — מאָריס ראָזענפעלד (ליריק) 63
ביאַליק (משא מעאַטער) 65
דוד איינהאָרען (אידיליע) 70
יהואש (הייאַוואַטאַ) 72
אורי צבי גרינבערג (רוימישע מאָטיווען) 74
ישראל שטערן (פאַר נייגעריגע) 78
פרץ מאַרקיש (האַראַמידער) 80
קאַציזנע (געסט) 83
סעגאַלאָוויטש (נאַ שווענטעגאַ יאַנאַ) 85

קריטיקאמאַניע:

דוד פרישמאַן 88
בעל־מחשבות 90
ש. ניגער 92
פרילוצקי — זרובבל 94
ספעקטאָר (מאָטענס פאָטאָגראַפיעס) 95
ראובן ברײַנין (אינטערוויאו) 98

חכמה און וויסענשאַפט:

די נייע סאָציאַליסטישע שול (ברעסטאָמאַטיע) 103
גילינסקי (אַלגעמיינע שמועס) 109
נח פרילוצקי (פאָלקלאָר און פילאָלאָגיע) 115
ד"ר שיפער (פורים־שפיל) 120
די זיבעטע מלוכה (פרעסע) 122
קאָן (אַנטיסעמיטישע רעדע) 126
יום־טוב'דיגער ליטעראַט 129
ציבעלע (רעפעראַט) 136

קאָנפעטי:

דער פּאָעט 141
דער נביא און דער גראַם 143
דער הומאָריסט 145
די פרעסע און דער זשורנאַליסט 147
די לַמדנישע בעראַטונג 151
דער דיכטער און די אָבלאַווע 156
אונזער ביסל קולטור־אָרימקייט 160
דער וויצלינג 165

דראַמאַקאָמעדיע:

ציינווערהטאָג (אַ שפּאָס אין איין אַקט)

כאַראַקטעריסטיק

דער טונקעלער.

זיין לעבען, שאַפען און ווירקען אויף דער
בערבערישער און אַסטיאַקישער ליטעראַטור.

די טיף-פּאָעטישע פּערזענליכקייט פון טונקעלען, ווי אויך זיין לעבען און שאַפען וועט נאָך זיכער הונדערטער יאָהרען דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר די היסטאָריקער פון ליטעראַטור און קריטיקער פון אַלע צייטען און פעלקער, וואָס אינטערעסירען זיך מיט די פראַגען פון באַהן-קאָמוניקאַציע און גלאָז-שלייפעריי.

דאָס ערשטע, וואָס אונז פאַלט איין בעזונדערס ביים לייענען דעם טונקעלענס ווערק, איז, אַז זיין קונסט איז אַן׳אָריגינעלע קונסט אָהן פּלאַגיאַט, אָהן גנבה און אָהן קיין שום יניקה פון אַנדערע קינסטלער.

מעגליך, אַז אויב מיר וועלען שטאַרק זוכען, וועלען מיר ביי איהם געפינען אַ שטיקעל השפעה פון **שעקספיר** און **סטופניצקי**.

און דאָך בלייבט ער אָריגינעל, אינדיווידועל און העל, און דער עיקר, ביי זיין אייגענעם „איך".

„וואָרום דער „איך" פון טונקעלען, זאָגט דער בעריהמטער קריטיקער ש. ניגער, איז נישט קיין „איך" פון אַנ׳אַנדערן, פונקט

ווי יענער „איך“ איז נישט דער „איך“ פון טונקעלען. נאָר דאָס איז דער אייגענער, ריכטיגער, איכישער „איך“, וואָס איז נישט „דו“, נישט „ער“ און נישט „זי“ און בכלל גאָרנישט-נישט“...

„איך בין קיין לעקיש נישט, געוויס!
„איך בין געבענשט פון גאָט מיט פיס!

דעם דיכטערס „איך“ איז קיין לעקיש נישט. זיין „איך“ פערמאָגט פיס!

אין מאַנכע ליטעראַרישע קרייזען הערט מען אָפט זאָגען: „היינע און דער טונקעלער“. נאָר דאָס איז אַ טעות. היינע טאָר מען בשום אופן נישט פערגלייכען מיט דעם טונקעלען, וואָרום היינע איז בעצם אַ טאַלאַנטלאָזיגקייט, אָבער צו פאַרמאַסקירען זיין טאַלאַנטלאָזיגקייט, האָט ער געשאַפען אַזעלכע הויךפּאָעטישע גייסטרייכע ווערק, כדי מיר זאָלען מיינען, אַז ער איז גייסטרייך און געניאַל.

דער טונקעלער מאַסקירט זיך נישט. דאָס וואָס ער האָט— האָט ער.

פערקעהרט, דער טונקעלער האָט געשריבען אַ סך שוואַכע זאַכען, אום צו פערמאַסקירען זיין געניאַליטעט.

Sancta simplicitas.

בלעטערט-דורך אַ וועלכען-נישט-איז בוך פון זיינע בראָשורען און יום טוב-בלעטער, און עס וועט אייך אַרומכאַפּען אַ וואונדערליך געפיהל פון אַלע זייטען. אָבגרונדען פון אימפּרעסיעס, ברויזענדע שטורמען פון געפיהלען, אומבעגרענצטע מעלאָדישע כוואַליעס...

מען קאָן זאָגען אָהן אַ גוזמא, אַז נאָך וואָלטער און באָמאַרשע איז טונקעלער דער דריטער, וואָס האָט, ווי זיי, דורכגעמאַכט און בייגעוואוינט גרויסע רעוואָלוציעס.

וואָלטער און באָמאַרשע האָבען געמאַכט לאַכען פּאַריז אַ טאָג פאַר דער איבערקעהרעניש. דער טונקעלער האָט אויך געמאַכט לאַכען די וועלט פאַר דער איבערקעהרעניש, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען לויט די נביאות פון אַמעריקאַנער אַסטראָנאָם.

נאָר וואָס איז ער שולדיג, אַז די וועלט האָט זיך נישט איבערגעקעהרט.

בראַנדעס האָט צווישען זיינע פּאָרטרעטען-שילדערונגען פון שעקספּיר, רוסאָ און געטהע, דעם טונקעלענס פּאָרטרעט נישט געגעבען. און דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט איהם נישט געלייענט. וואָלט ער אָבער איהם געלייענט, וואָלט ער זיכער וועגען איהם געשריבען פאָלגענדעס:

„דער טונקעלער,—וואָלט בראַנדעס געשריבען אין זיין גייסטרייכער אָבהאַנדלונג,—איז מורא׳דיג גרויס אין זיין סטיל, ברייט און רייך אין זיינע פאַרבען, גלענצענד און אונפערגלייכליך אין זיינע בילדער און אונגעהויער, ממש אונענדליך אין זיינע אידעען. „חיים-יאַנקעל דער האָניג-קוועטשער״, אַ שטייגער, איז נישט איין פאָלק און נישט צוויי אָדער דריי פעלקער, נאָר די גאַנצע מענשהייט אין איהר ליידען און פריידען, אין איהר קאַמף און שלום, אין איהר שטייגען און פאַלען. חיים-יאַנקעל דער האָניג-קוועטשער איז, אויב איהר ווילט, די גאַנצע וועלט צוזאַמען.״

„די גרויסע לירישע ברידער פון טונקעלען—שרייבט איפּאָליט טען און נחמן מייזעל, זענען פרידריך ניטשע, לאָרד בייראָן, אחשורוש, באָדלער, עדגאַר עלען פּאָ, פּשיבישעווסקי, שלמה המלך, קלאַראַ יאַנג, דאַנטע, דרייפוס, כדלאמר, קיפּניס און זעליגפעלד, פּיאָטר דער גרויסער, פּייזול און בלק—גרויסע ברידער פון הויכען ליריזם. דער ליריזם פון טונקעלען דערגרייכט אָבער צו דער העכסטער הויכקייט פון לעבען, פּאָעזיע, נבואה, קונסט, ליעבע, גליק, שענהייט, מוזיק און האַרמאָניע און סוביעקטיווען אימאַנענץ...״

„דער טונקעלער—דאָס איז דער גאון, וואָס פעראייניגט אין זיך אַלע וועלט-גאונים צוזאַמענגענומען: שרייבט מיט טינט-און-פעדער, ווי פרץ, איז דיכטער ווי ד״ר גאָטליעב, דענקער ווי טאַראַס בולבאַ, רויבערט ציגאַרען ווי פראָפ. עהרליך, טראָגט ברילען ווי בערנאַרד שאָו, איז געראַזירט ווי נאַפּאָלעאָן, און שפּילט שאַך ווי לי-כונג-טשאַנג.״

און דאָך איז אָט דער דאָזיגער וועלט-גאון אונזערער א'ן איז געבליבען אונזערער. נישט די ענגלענדער, נישט די פראַנצוי-זען און נישט די דייטשען האָבען איהם ביי אונז אַוועקגענומען.

אַ שאָד, כ'לעבען, אַ גרויסער שאָד.

ניגער, ווידער, שרייבט וועגען די אונשטערבליכע לידער פון טונקעלען בזה הלשון:

„דאָס זענען לידער, וואָס דערמאָהנען אייך וועגען עפּיס אַנדערע ליכטיגע וועלטען פון יענער זייט לעבען, וועגען מיסטי-שען זיסען ציטער און נשמה-עקסטאַז.

...און אין אַ זומערדיגער נאַכט
האָט מיך געוועקט אַ זאַנפטער זשומען-קלאַנג,
וואָס האָט געהודזשעט, ווי אַ כשוף-גלאָק—
דאָס האָט מען ערגעץ אין אַ טאַז
געמעלקט אַ באָק...— — —

דאָס איז אַלץ קלאָר, דייטליך, רעאַל, פּלאַסטיש, צוזאַמען מיט רעטראָספּעקטיווען אומעט און בענקעניש, חלומות און האָפ-נונגסלאָזע שטרעבונגען.

דאָס איז רעאַלע קאָנקרעטעוודיגע אָנטאַפּעניש און די פאַנטאַ-סטישע טרוימערייען פון זיסע נשמה-קוועטשעניש. ווי רוהיג־אידי-ליש עס קלינגט זיין דאַטשע-ליד:

אַ וואַלד, אַ גוי און זויער-מילך,
אַ חזיר און אַ קליאַטשע,
אַ שטעהלכיל און מיט פליגען פול—
איך פראַווע, הייסט עס, דאַטשע.

דאָס דאָזיגע ליד, וואָס איז אַ פּעריל אין דער וועלט-ליטע-ראַטור, בעווייזט אויך וויפיל דעם דיכטערס נשמה איז בעהעפט מיט דער געטליכער נאַטור, זיין עמפּינדליכקייט און ליידענשאַפט פאַר די האַרמאָנישע נאַטור-ערשיינונגען.

און אַלץ איז שטיל און לאַנגווייליג,
קיין פליאָטקעס און קיין בייסען;
ס'איז הייס, איך שוויץ, ווי אין אַ באָד
און די קאָמאַרעס בייסען...

„יאָ, די קאַמאַרעס ביי סען...—שרייבט בעל-מחשבות וועגען דעם דאָזיגען ליד.—אַ פראַכטפולער עלעגישער אַקאָרד, וואָס שילדערט אַזוי ווייך דעם דראַמאַטישען מאָמענט. יאָ, די קאָמאַרעס בייסען. און דאָס שטערט דעם דיכטערס גייסטיגע גלייכגעוויכט און עס וועקט האָפנונגסלאָזע שטרעבונגען, איינזאַמקייט און מעלאַנכאָליע, „קהלת" און „בייראָניזם"—דאָס ווערט דער לייט-מאָטיוו פון זיין פעסימיסטישען אָפּטימיזם.

סאַרקאַסטיש און איראָניש בייז רופט ער אויס:

דער מענש איז געגליכען צו אַ פּענכער—
ער בלאָזט זיך און האַלט זיך גרויס.

און ענדיגט:

צום סוף גיט מען איהם אַ שטאָך מיט אַ נאָדעל,
און דער וואָזדוך געהט אַרויס...

ער דערזעהט די אונפערמיידליכע עלענדקייט פון מענשליכען דאַזיין, זיין נישטיגקייט און קליינקייט. עס בעהערשט איהם דער שווערער וועלט-שמערץ און די פאַנטאַסטישע בענקשאַפט."

יאָ, דער מענש איז געגליכען צו אַ פּענכער.

נאָר לאָמיר פריהער דערצעהלען די ביאָגראַפיע פונ'ם אונפערשטערבליכען שעפער פון „חיים-יאַנקעל דעם האָניג-קוועטשער".

— — — — — — — — — — — — —

דער טונקעלער איז געבוירען געוואָרען אין ענדע פון ניינצעהנטען יאָהרהונדערט ביי אַ פּאָר־פּאָלק, נישט קיין גוט-בעזיצער.

נישט קוקענדיג אויף זיין קינסטלערישען בערוף, זענען דאָך זיינע עלטערן געווען גאַנץ אָנשטענדיגע מענשען. פון פאָטער-מוטער האָט ער גע'ירשה'נט זייערע אייגענשאַפטען, פון דער מוטער האָט ער גע'ירשה'נט די אויבערשטע העלפט און פון אונטען ביז אַראָב—דעם גאַנצען פאָטער.

ווען ער איז געבוירען געוואָרען, איז ער נאָך נישט געווען קיין דריי יאָהר אַלט. אַליין, אָהן קיינעמס הילף, איז ער געוואַקסען ביז זעקס יאָהר. אין אַ יאָהר אַרום נאָך דעם זעקסטען יאָהר, איז איהם געוואָרען פונקט זיבען יאָהר. דעמאָלט

האָט מען איהם אָבגעגעבען אין חדר, צו לוי-יצחק עשרה-דבריא.

זיין רבי האָט געהאַט דאָס צווייטע ווייב; זי האָט געהיי-סען סאָסיע.

אין חדר האָט ער געלערנט גוט, מיט חשק און מיט התמדה, אַזוי, אַז די אַרומיגע האָבען אָנגעקוואָלען. „דאָס וואַקסט אַ טאַלאַנטלאָזיגקייט און אַ בעגרענצטע בעשעפעניש", האָבען זיי געזאָגט. ערשט שפּעטער, ווען דאָס יונגעל האָט אויפגעהערט זיך צו לערנען, אָנגעהויבען צו שטיפען—אַרומלויפען פּוסט און פּאַס, יאָגען זיך נאָך הינט און חזירים, און מען האָט איהם אַרויסגע-טריבען פון חדר, האָבען זיך אַלע אָנגעהויבען צו בעאונרוהיגען, צי וואַקסט נישט אַמאָל אַ גרויסע טאַלענטירטע פּערזענליכקייט. זיין פאָטער האָט איהם געהאַלטען אין איין מוסר'ן: „וואָס וועט פון דיר זיין? דו וועסט נאָך, חלילה, אויסוואַקסען אַ קינסטלער!"

זיין פאָטערס נבואה איז מקוים געוואָרען—ער איז געוואָ-רען אַ שרייבער.

דאָ איז כּדאי צו בעמערקען זיין מערקווירדיגע שנאה צו דער פרויען-וועלט. אין דעם פּרט איז ער כּמעט ענליך צו די גרויסע פרויען-פיינד סטרינדבערג, ניטשע, וויינינגער. פונקט ווי זיי האָט ער געהאַסט די פרוי מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים ושס"ה גדים.

אין יאָהר 1905 איז אויסגעבראָכען געוואָרען די רוסישע רעוואָלוציע, אין וועלכער דער יונגער דיכטער איז אַבסאָלוט אונ-שולדיג. און דאָך האָט ער זיך מיט לייב און לעבען געוואָרפען אין ברענענדיגען קאַמף אַריין.

אין יענער צייט ערשיינט זיין בעריהמט קאַמפּס-ליעד:

הערט איהר זינגען מיך פון פרייהייט,
פון געשטרייט און העלדענמוט,
פון געפעכט און באַריקאַדען,
פון דער פאָהן בעשפּריצט מיט בלוט—
זאָלט איהר וויסען, אַז איך ליעג שוין
גוט בעהאַלטען אונטער בעט.

און עס וואַרפט מיך אין קדחת,
דען איך בין אַ קאַמפּס-פּאָעט.

און אַזוי מיט דעם ליעד אויף די ליפּען און מיט ברע־נענדיגען מוט אין האַרצען וואַרפט ער זיך אין העלישען קאַמף און מיט גרויס העלדישקייט אַנטלויפט ער קיין אַמעריקאַ, מסתמא צו שטיצען דאָרט די רוסישע רעוואָלוציע...

אַמעריקאַ האָט ענטדעקט דעם טונקעלען און אַמעריקאַ האָט געפונען אַ געלעגענהייט אָבצודאַנקען דער מענשהייט, פאַרוואָס די מענשהייט האָט איהר ענטדעקט.

אַמעריקאַ—דאָס לאַנד פון טיעפער קונסט, פון ריינעם שאַ־פען און עהרליכער פרעסע, האָט איהם גלייך אָנערקענט אַלס זשעני און תיכף ומיד אַריינגענומען איהם אינ׳ם געזינדעל פון איהרע זשעניען.

אייראָפּא איז אָבער געבליבען פער׳יתום׳ט. רוסלאַנד האָט די רעוואָלוציע פערשפּילט. ער האָט געפעהלט דער דיכטער, וועלכען אייראָפּא האָט בעדאַרפט, און אויף וועלכען אייראָפּא האָט געוואַרט. פאַר יענער צייט איז נויטיג געווען אַ פּאָעט, וואָס זאָל זיין אויף אַזוי פיעל אינדיווידועל, אויף וויפיעל ער איז קאָסמיש, אויף אַזוי פיעל שאַרף סאַטיריש, אויף וויפיעל הערמאָ־ניש-גראַציעז, אויף אַזוי פיעל דענקעריש, אויף וויפיעל קאַמפּס־פעהיג, כדי איבערצוווענדען דאָס פּאָליטישע און רעליגיעזע בע־וואוסטזיין פון אייראָפּא, אויפצוועקען די שלאָפענדיגע און שטיר־צען די טריאומפירענדיגע אין אָבגרונד פון געלעכטער און סאַר־קאַזם און אַרויסשמייסען די איצטיגע וועלט-איבערקעהרעניש.

אין יאָהר 1910 קומט ער צוריק קיין אייראָפּא און עס הויבט זיך אָן די גרויסע וועלט-רעוואָלוציע, אין וועלכער דער יונגער דיכטער איז אַבסאָלוט נישט שולדיג.

אין יאָהר 1911 ערשיינט זיין ערשט ווערק דער „קרומער שפּיגעל״—זיין יחוס-בריעף פון אונשטערבליכקייט. דאָס דאָזיגע ווערק, וואָס איז פול מיט פּאָעטישען געלעכטער, אונפערגלייכלי־כען סאַרקאַזם און וואונדערבאַרען הומאָר, איז שוין לאַנג גע־וואָרען דאָס אייגענטום פון דער גאַנצער מענשהייט, ווי אויך פון

זיין פערלעגער ב. שימין.

אין יענעם יאָהר בעקענט ער זיך מיט דעם בעריהמטען קריטיקער קאַוועז.

מיט אַ יאָהר שפּעטער ערשיינט זיין צווייט בוך, דער „גרינער פאַפּוגיי", וואָס האָט דערפיהרט צו דער העכסטער שטו-פע פון ענטציקונג די גאַנצע וועלט, נישט קוקענדיג, וואָס די קריטיקער האָבען עס אַזוי שטאַרק געלויבט.

צו יענער צייט ווערט ער מיט זיין פריינד דעם דענקער ב. קאַרלינסקי אויף „דו" (נאָוועמבער דעם 17-טען 1912).

דאָס יאָהר 1913 האָט מיט זיך געבראַכט נאָך צוויי אונ-שטערבליכע ווערק, וואָס האָבען איבערגעשטייגט די ערשטע מיט זייער פערנעהם און געניאַליטעט. דאָס זענען: „די פלעדערמייז" און בעזונדערס „חיים יאַנקעל דער האָניג-קוועטשער", אַ ראָמאַן, וואָס נאָך „קריעג און פריעדען" פון טאָלסטאָי און „קוואָ וואַדיס" פון סענקעוויטש פערנעמט ער דעם ריכטיגען פּלאַץ.

דאָ דערגרייכט ער צו אַזאַ הויכער מדרגה פון רוהם און פּאָפּולאַריטעט, אַז דער דיכטער אַלטער קאַציזנע הויבט שוין אָן צו דענקען וועגען חבר'ן זיך מיט איהם.

ווי רוהיג און אָביעקטיוו און קינסטלעריש דער ראָמאַן זאָל נישט זיין געשריבען, פיהלען מיר דאָך אין איהם אַ שטיק פון אויטאָרס לעבען, אַ שטיק פון זיין אייגענער פּסיכאָלאָגיע, אַז חיים יאַנקעל דער האָניג-קוועטשער איז בלויז אַ דורכזיכטיגער פּסעוודאָנים פון טונקעלען און אַז אין דער נשמה פון חיים יאַנקעל דעם האָניג-קוועטשער שפּיגעלט זיך אָב אַ שטיק נשמה פון אויטאָר, פּונקט ווי ט אָ ל ס ט אָ י אין לעווינע'ן פון „אַנאַ קאַרענינאַ", ווי פּ ו ש ק י ן אין לענסקי'ן פון „יעוועגעני אָנעגין", ווי ר ו ס אָ אין זיין „עמיל" און ווי ג ע ט ה ע אין „ווערטער'ן".

אין דעם דאָזיגען העלד פון חיים יאַנקעל דעם האָניג-קוועטשער דריקט ער אויס זיינע ליידען און זיפצען, זיין בעגייסטערטען שוואונג און גע̆לעכטער דורך טרעהרען. דאָס אַלץ בליצט אויף דאָ און דאָרט אין גלענצענדיגען האַלב-מעלאַנכאָלישען לייכטוין. דאָס דאָזיגע ווערק, וואָס איז געשריבען מיט שוואַרצען טינט

אויף ווייסען פאַפּיר, איז געוויס אַ גרויסער לאָרבער-קראַנץ אויף דעם קאָפּ פון אונזער גרויסען דיכטער.

און נישט געקוקט דערויף, וואָס דער אויטאָר שפּיגעלט זיך אָב אין זיין אונשטערבליכען האָניג-קוועטשער, איז דערדאָזיגער האָניג-קוועטשער גלייכצייטיג אויך אַ שפּיגעל פון אַלע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט און פון אַלע דורות, ווי בעלינסקי וואָלט זיך זיכער געהאַט אויסגעדריקט, ווען ער וואָלט נאָר געלייענט דאָס דאָזיגע ווערק, ווי ער האָט געלייענט געטהע און שעקספּיר און רוסאָ.

אין יענעם יאָהר בעקומט די נאָבעל-פּרעמיע דער אינדיאַ-נער דיכטער ראַבין-דראַנאַט טאַגאָראַ.

אָט אַזוי שאַפט דער טונקעלער ביסלעכווייז דעם פּרעכטיגען רעגענבויגען פון קונסט און האַרמאָניע, פון געלעכטער און או-מעט, פון קאַמף און גלויבען.

און די ערד דרעהט זיך פאָרט!

דער טונקעלער.

פּראָזע און טינטלעריי

נאטור-שילדערונג ביי

פערשידענע שרייבער.

שמ"ר.

(דייטשמעריש)

עס וואר אַ שעהנער זומער-אַבענד. די זאָהנע האָט זיך געניינט צו נעהמען אַבשיעד, אונד דער מאָנד האָט מיט זיינע גאָלדענע שטראַהלען בעהערשט די גאַנצע נאַטור.

דער נאַכטיגאַל, די געטליכע פויגעל, וואָס די נאַטור האָט בעשאַפען צו בעצויבערן דעם מענשענס הערץ, וועהרענד זי איז בעטריעבט פאָן דעם זאָנדערבאַרען שיגזאַל,— האָט זיך געלאָזט הערען מיט זיין געטליכען שטים צווישען די פרעכטיגע אַלעען, וואו עס שפּאַציערען די גליקליכע און עוויג-ליעבענדע קאַוואַליערען און דאַמען געוואָהנט.

עס גיבט קיין פערזאָן אָהן איבערראַשונג פאָן די געהיימניסע פאָן זאָ אַ פראַכטפאָלע לאַנדשאַפט.

די הימעלישע שטערען בעגלייטען זייער גראָססמוטער דעם מאָנד אונד לייכטען פון דעם עוויג בלאַהען הימעל הערונטער אויף דעם פרעכטיגען שלאָס פון באַראָן פאָן ראָדעריקאַ, וואָס איז אַרומגערינגעלט מיט אַ געהיימניספאָלען שלאָס-גאָרטען, טייכען און פליססע, צווישען וועלכע, ליעבער לעזער און לעזערין, דיין אויג בעמערקט די העכסטע עדעלהייט, מאַרקיזען, פרינצען, באַראָנען, הערצאָגען און ריטטער אַלס זיי קומען מיט זייערע געליעבטע אין גאָלדענע עקיפּאַזשען צו ערקוויקען זיך מיט דעם ווירציגען אַבענד-לופט. לאַקייען אָנגעטהון אין גאָלד און אין זילבער לויפען זיי אַנטקעגען און פיהרען זיי אַריין אין דעם וואונדערשעהנעם פערפוצטען פּאַלאַסט, וואו דער יונגער באַראָן און דער הימעלשער ענגעל, די באַראָנין, נעהמען זיי אויף מיט די העפליכסטע און דעליקאַטע קאָמפּלימענטען...

מענדעלי מוכר ספרים.

(יודישלעך).

האָפּערדיג, קוממיות, ווי אַ נור וואָס אויסגעצוואָגענער חתן־בחור, בעוואַקסען מיט לאַנגע גרינע באָרד און פּאות, שטעהט דער וואַלד און וואַרט אויפ׳ן חתן־קוילעטש.

פעלדער מיט ווייסע רעטשקע און הויך־געוואַקסענע קוקורוזעס, מיט געלב־גרינע קאַפּעלושען אויף די קעפּ, פערשפּרייטען מחיה־דיגע ריחות פון טייפּעל־קרויט, געווירץ, קרייטיכער, פּאַסאָליעס, פּעטרישקע און בשמים, וואָס דערגרייכען די נאָז, קיצלען ביי דער נשמה און צוגעהען אין אַלע איברים, ווי אַכאַסטערנאַק־צימעס.

אַ ריין קריסטאָלענער געמייזאַכטס, בעוואַקסען מיט ערבות און הושענות, שפּיגעלט אויף דער זון און שפּרינקעלט מיט מיליאָנען בליוטשקענע יאַרמילקעלעך.

אַ קאַפּעליע שפּיל־פייגעלעך, ווי קליינע יודעלעך אין ראַצעגמאָרענע שפּאַנציריקלעך און טלית־קטנ׳לעך, ווישען די שנעבע־לאַך, פּאַלען תחנון, שווישטשען, בעבעטשען, צולאָזען זיך מיט אַ יקום־פורקן־נגון, הויבען פיסלעך: האָץ, האָץ, האָץ! כאַפּען אַ טענצעל און מאַכען פּליטה...

צוויי בושלען מיט די לאַנגע פיס שטעהען פעררײסען די קעפּ אין דער הויך און זענען מחדש די לבנה:

שלום עליכם, עליכם שלום!

עפּעס אַ קונדס אַ פייגעל שטיפּט, פליהט העגדום־פּענדום, מאַכט קוצ׳ניו־מוצעניו, ווי געזעדט: קדוש, קדוש, קדוש! ווערסט מיך נישט כאַפּען, ר׳ קרוב, כאָטש שיט מיר אָן זאַלץ אויפ׳ן עק...

דער סאָלאָוויי, דער וועלט־בערימטער חזן, קנאַקט, צולאָזט זיך אויפ׳ן בייקול אַ שטייגערל, אַ וואָלעכל: אוי ווער, טאַטעניו, האַרציגער פאָטער, גאָטעניו!... איטליכער, וואָס קען נור עפּענען אַ מויל, האַלט דעם חזן אונטער, די ביהן, די גריל, די פליג, די ציג, דער צאַפּ, דער זשוק — אַלע טערלעליייקען, הודזשען, מעקען, זאָגען קטרת... ניט דאָס בין איך אויסען...

י. ל. פרץ.

(חסידיש).

אַ הימעל, ווי אַ לאַסטיגענע קאַפּאָטע—ממש צָהן אַ סוף...סוף...
חסיד'יש-נגיד'ישע וואָלקענדלעך שטראַהלען אָפּטער, ציטער'ן
פאַר חרוה, דבקה'ן זיך און טאַנצען מיט שמחת תורה.
פערלעגען אַ האַנד אויף אַ האַנד, אַקסעל צו אַקסעל, ספּאָ-
דיק צ׳ ספּאָדיק, און טאַנצען, שפּרינגען—
אַ ריקוד'ל...

הינטער, ווייטער נעהמט אַרום, ווי אַ גרינגער ברייטער גאַר
טעל — דער וואַלד און פּיפּקעט ... פּיפּקעט...

. . . .

און שקיעת-החמה איז עס , די זון מאַכט גלגול מחילות
אין מערב-זייט — און כאַפּט שיריים...
די טבע איז פול מיט שיריים...
די שכינה פלאַטערט און בענקט נאָך שיריים... יעדע בחינה,
יעדער גלגול כאַפּט שיריים...
הימעל און גלגלים, כרובים ומזלות — אַלע כאַפּען שיריים
פון קודשא-בריך-הוא'ס טעלער כביכול —
און בעקומען תקון...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ שטערן ציטערט... ציטערט...
אַ ניצוץ...
אַ פּינטעלע —
און דאָס איז דער עיקר.
אַ פּינטעלע צו אַ פּינטעלע... יחודים... הזדוגות...
ש"י עולמת פּינטעלעך...
און די פּינטעלעך פערצעהלען...
פון נגלה און נסתר פערצעהלען זיי...
פון צרופים וסגופים...
פדיונית נעמען זיי... פון רבי'ס ציגען זינגען זיי... רבונו
של עולם! מען קען צוגעהן פאַר מתיקות.

שלום-עליכם.

(אַ רענדעל אַ וואָרט).

אַ קעגען דעם, וואָס איהר זאָגט אַ דרויסען. טע-טע-טע! איה־
זענט עפּעס אַ מבין אויף אַ דרויסען?... מיר דוכט, אַז זינט גאָט
האָט בעשאַפען דרויסענס, האָט ער אַזאַ דרויסען נאָך ניט בעשאַ־
פען... וואָרום אַ דרויסען צו אַ דרויסען איז ניט גלייך. פאַרהאַן,
הייסט דאָס, אַ דרויסען און פאַרהאַן אַ דרויסען, איז דאָס טאַקי שוין
איין מאָל אַ דרויסען; איינער פון יענע שענע דרויסענס, הייסט עס,
וואָס אפילו אין דעם פינסטערען מאַזעפּעווקע, וואָס ליגט ביים
טייך שטינקעליי, איז אויך די לופט שמעקעדיג, מחיה נפשות...
וואָס זאָג איך שמעקענדיג... ס'איז פאַרהאַן אַלערליי שמעקאַכטסען
אויף דער וועלט. פאַרהאַן אַ שמעקאַכטס און פאַרהאַן אַ שמעקאַכטס,
אַ שמעקאַכטס פון שמעקאַכטס-לאַנד... איהר הערט בשיינפערלאַך,
ווי עס שמעקט, די לופט שמעקט און אַ ווינטעל בלאָזט. שייך זאָ־
גען: בלאָזט. אַלץ הייסט ביי אייך בלאָזען. בלאָזען צו בלאָזען איז
ניט גלייך. בלאָזען צו בלאָזען איז אַ גרויסע נפקא מינה ... פאַרו אַן
אַ בלאָזען און פאַרהאַן אַ בלאָזען. איז דאָס שוין איין מאָל אַ בלאָ־
זען... אַ בלאָזען פון זיין ליבען נאָמען...

און בלאָזען בלאָזט עס, ווייל ס'איז פאַרהאַן אַ ווינט... עס
ליגט שוין אַזוי אין דער נאַטור: איז פאַרהאַן אַ ווינט, בלאָזט עס.
איז ניטאָ קיין ווינט — בלאָזט עס ניט... דער שכל איז אַ פּראָס־
טער שכל: בלאָזט עס, איז אַ סימן, אַז עס איז פאַרהאַן אַ ווינט
און אַז ס'איז פאַרהאַן אַ ווינט — בלאָזט עס—... אַזאַ טבע האָט
עס שוין און סע בלאָזט, דאָס, יענס, לאָקשען, בוידעם, ציבעלע
וכדומה...

שלום אַש.

(צאינה וראה׳ניש).

ווי אַ קעבס-ווייב האָט די גוטע מוטער ערד ענטפּלעקט איהרע פולע בריסטען און מיט חסד געטען זויגען יעדע אָפּען מייל͞כעלע פֿון יעדע שפּראָצכען און בליהעלן.

ווייט, ווייט. ווי פֿון אַ פֿרעמדען לאַנד צו אַ פֿרעמדען לאַנד, ווי פֿון אַ פֿרעמדע וועלט צו אַ פֿרעמדער וועלט, ווי פֿון אַ פֿרעמדע שטאָדט צו אַ פֿרעמדע שטאָדט, ווי פֿון אַ פֿרעמדע גובערניע צו אַ פֿרעמדע גובערניע קומען צושוועבען לייכט-שוועבענדע וואָלקענדי-ליך, וואָלקען איין, וואָלקען אויס, אַ פֿלעקעל אַריין, אַ פֿלעקעל אַרויס, איין וואָלקען קוילערט זיך אין צווייטען, איינער אין צווייטען, אַ צווייטער אין דריטען, אַ דריטער אין פֿערטען און אַלע בעהעפטען זיך אין איין גרויסען געדיכטען וואָלקען, וואָס פֿערנע-פּעלט דעם גאַנצען שטח און פֿערשלייערט די מוטער ערד, ווי אַ יונגער שרייבער זיין לעזער.

ווי פֿון אַנדערע וועלטען צו אַנדערע וועלטען טוט אַ ליכ-טיגעס וואַסער-טייכעל ציהען, פֿאַליע איין, פֿאַליע אויס, אַ פֿלעקעל אַריין, אַ פלעקעל אַרויס, איין פֿאַליע פֿליסט אין דער אַנדערער אַריין, איין פֿאַליע אין דער אַנדערער... און דונקעלער ווערט דאָס פֿרעמדע לאַנד און דונקעלער ווערט דאָס וואַסער און די מו-טער רחל טוליעט זיך צו צו דער שווענטאַ מאַרי און די שווענטאַ מאַרי — צו דער מוטער רחל אוןביידע שלייכען צום וואַסער און טוען זייערע הייבלאַך אין וואַסער באָדען.

און די הימלען אין דער הויך האָבען זיך אויסגעצויגען איינס איבער דעם אַנדערן, איינס איבער דעם אַנדערן, איינס אין דעם אַנדערן אַריינגעפּלאָסען, שמייכלען אַראָב צום נעבעל, דער נעבעל צום טייכעל, דאָס טייכעל צום נעבעל און אַלע טוליען זיך איין אין איין נאַכט-טוליעניש און געהען אַ כשר-טאַנץ...

א. רייזען.

(קבצניש).

אַ הימעל, ווי שאָטען-קעז — טריב און מוטנע.

ווי אַ ברודיגע אַלטע ספּאָדניצע, פון וועלכער עס טאָרטשען שטיקער אָבגעריסענע וואַטע-שמאַטעס, הענגט דער וואָלקען איבער דעם פערשלומפּערטען שטעדטעל.

צייטענווייז קוקט אַרויס די זון, ווי אַ נייער אויס געשייער טער צעהנער, נאָר איהרע הונגעריגע שטראַהלען זענען ניט ביכולת אויסצוזופּען דעם גאַנצען בלאָטע-קרופּניק, אין וועלכען דאָס גאַנצע שטעדטעל, מאַרק און שול-הויף מיט די סאַנדעטניקעס, וואָס פער-קיפּען אַלטע תחתונים, תלמוד-תורה-קינדער אין היילע פּופּקעס און יודענעס ביי די מולטערס קאַרטאָפּעל, ציבעלעס און אוגערקעס טוקען און ווייקען זיך, ווי פּאַפּאָליעס אין באָב-יוך...

די גאַנצע נאַטור זעהט אויס, ווי אַ גרויסער קבצן, וואָס בענקט נאָך אַנ'עק פון אַ הערינג...

אַ פּו-לער ווינטעל בלאָזט און זינגט מיט אַ מתים-נגון: דלות, האָכטו האָלץ?... דלות, האָסטו פּעררילט דיינע שטיוועל?... דלות, האָסטו שוין אַריינגעשטעלט די פּאָדוואָינע פּענסטער? ניטאָ קיין גראָשען ביים לייב און לעבען!... ניטאָ קיין גראָשען ביים לייב און לעבעל!...

שוואַרץ, ווי ציקאָריע, שלענגעלט זיך דער רינשטאָק צווי-שען בערגלעך מיסט ביי יעדען הייזעל, פּליסט און מורמעלט: האַם, האַם, האַם... עסען, עסען, עסען... פּליסט, טראָגט, איילט, ווי אַ ישיבה-בחור אויפ'ן טאָג...

נאָמבערג.

(מהיכא־תיתי'דיג).

פאַמעליך, פויל, קוים שלעפענדיג די פיס, שלעפט זיך די זון איבער דעם פערשלאָפענעם הימעל. משמעות, עמ'יצער שטופט זי — געהט זי, רוקט זיך, וואָס אַרט דען איהר?

פונקט ווי נעכטען, ווי אייערנעכטען, אַזוי היינט. אַלע טאָג דאָס אייגענע, אַלע טאָג דאָס אייגענע. כ'מיין, למאי נפקא מינה?

שוין עטליכע טאָג האָט זיך קיין וואָלקען נישט געוויזען. אַ דאגה, נויטיג בעדאַרפסטו רעגען.

אַ כמאַרע רוקט זיך, אַ רעגען וועט זיין. מהיכא־תיתי וועט זיין — וועט זיין.

און אפשר וועט קיין רעגען נישט זיין. מילא, נישט — נישט.

וועט דאָך זיין דושנע, הייס. מילא, וועט מען שוויצען.

פייגעלעך פישצען, זשאַבעס קוואַקען. מהיכא־תיתי, זאָלען זיי פישצען, קוואַקען, ווענמען געהט דאָס אָן? זיי קענען — פישטשען זיי, קוואַקען זיי, נים דיין באָבע'ס עסק.

שטויביג, שלעפעריג איז אַרום, אָהן אַ שום פאַרב און אויס־דריק. אַלעס איז דורכגעדרונגען מיט אַ מהיכא־תיתי־פוילקייט. די געדאַנקען אין קאָפ ווערען שיטערער, צורינען. עס, מהיכא־תיתי, ווענמען אינטערעסירט דאָס? לאָז שלאָפען...

משה סטאַווסקי.

(אידיליש).

אין מזרח געהט אויף די זון, ווי אַ פייערדיגע „דוהע“ און שיקט איהרע שטראַהלען־„אָגלאָבלעס“ אויף דער ברייטער, גרויסער שטאַהל.

צוריק געהען די פערד פון „נאָטשלעג“, די היהנער קריכען פון „סיעדעא“, די טשערעדע קומט פון „ראַנקעס“, די בעלי־הבית׳טעס מעלקען די בהמות, און עס הערט זיך אַ שטילער ס־ס־ס פון אַ מעלקען אין אַ דויניצע אריין, אַ מעלה־גרה׳ן פון בהמות און אַ פאַטשען אין די פולע אייטערס...

פון הינטער׳ן אוהאָל טראָגט זיך אַ קוואַקען פון דער ראַבער קוואָקמוכע און אַ פיק־פיק־מעלאָדיע פון אַ טוץ קליינע פיסקלעך ציפליאַטעס.

אַ פערבענקטער פערד האָט זיך אין אַ לאַנגען הירזשען צולאָזען, ביים „זשלאָב“ האָבען חזירים געכרוקעט... אַ האָהן האָט געקרעהעט... אַנ׳אָקס האָט געמרוטשעט... אַ קאַץ האָט געלעקט סמעטענע... אַ ציג האָט דאָס בערדעל געטרייסעלט און אַ יונג לאָשאַק׳ל האָט דעם ווידעל פעררוסען...

ערגעץ וואו האָט זיך אַ הונד צעוואָיעט, אין אַ יאָמערדיגען כליפען צוגאָסען: האַו, האַו, האַו!...

די שטאַהל האָט זיך געריהרט... די בולאַנעס ביי די „קליאַטשעס“, די מגושמ׳דיגע שפאַן־אָקסען, די ביקלעך און קעלבער, קעלביגע און אָבגעקעלבטע בהמות — אַלע האָבען זיך אויפגעוואַכט. — טברררו! דער טאָג איז דאָ!

קאַברין-ליבין.

(אַמעריקאַניש).

וועל, די הויכע טשימניס פון די פעקטאָריס, הימעל-קראַצערס און טענעמענט-הייזער סמוקען מיט זייערע פייפען און הילען די סטריטען אין אַ נעבעלדיגען אָווערקאָוט.

דער עלעוועטעד רוישט אין דער לופט, לויפט, איילט און פליהט האַררי-אָפ פערביי די ווינדאָוס פון שאַפס, סטאָרס און פעקטאָריס, ווי טשילדרען-פענטס-אַפערייטאַרס באט'ן-האל מייקערס אַרבייטען אוועַרטיים.

אַ שטיקעל לבנה, ווי אַ צובראָכענער זילבערנער דאָלאַר בעלייכט די רופס, קוילטס, פיללאוס אויף די פייער-עסקייפס, בעזילבערט דעם סיידאָוואָוק און מיסט-בארעלס דאון-סטרעז. שפילעט אויף די סטענדס, פושקאַרטס און פעדלערס, וואָס שטעהען און מאַכען אַ לעבען.

באָט גיך פערשווינדט דאָס שטיקעל לבנה הינטער אַ קאַרנער פון פייק סטריט, ווי זי וואָלט מיט אונז אַ טריק געשפילט. אַלבעשטע זי מיינט, מיר זענען גרינע, און זי מאַכט מיט אונז מאַנקי ביזנעס. אַ בלאָף — און דאָטס-אל!...

נעווער מאָנד, מיר האָבען געז-לייטס אָל-רייט...

מנחם — זילבורג.

(מאָדערניסטיש)

געווען איז עס אַ שבת'ע'נאַכט, וואָס פאַלט אויס פונקט נאָך דינסטאָג.

דער שבת'ע'נאַכט איז איינגעהילט אין דינסטאָג, דער דינ־סטאָג אין שבת'ע'נאַכט און בײדע שווייגען... און אין דאָס שווייגענדיגע שטילקייט פיהלט זיך דער געמאַרענירטער בין-השמשות...

און דער פאַקענטרעגער קוקט צום בין-השמשות און דער בין-השמשות קוקט צום פאַקענטרעגער און בײדע שמעקען מיט מדבר-ריח.

אַלע פאַקענטרעגער שמעקען מיט מדבר-ריח...

און דער ווינט דרודעלט, טאַפּט מיט זיינע ווינטיגע הענט די ריח'דיגע בוימער, העצקעט זי, ווי ער וואָלט וועלען פון זיי בלעכענע גאָמעלקעס מאַכען.

עס איז שטיל און דאָך איז עס נישט שטיל. די שטילקייט רעדט און דאָך שווייגט זי, עס שווייגט, און דאָך הערט זיך ווי— אַ גלידשוועסטערקינד וואָלט שאַטקעווען קרויט.

אַלע גלידשוועסטערקינדער האָבען ליב צו שאַטקעווען קרויט.

און דו זעהסט די טונקעלקייט אין דער פוסטקייט און די פוסטקייט אין אַ מלבוש פון ווערטער און משוגעת.

◎

דער יורד

פֿון דוד בערגעלסאָן.

דגוש-חזק איז געזעסן אין דער גביריש-לעבלעך אָנגעוואַרימטער וואַנע און האָט געטראַכט, אַז דאָס זיצט ער, דגוש-חזק, אין דער גביריש לעבלעך-אָנגעוואַרימטער וואַנע און נישט קיין אַנדערער. אַז אין ראָקינבנער וואַלד וואַקסן בוימער און נישט קיין גאָמעלקעס, אַז ווינטער איז קאַלט ווייל עס איז אַ פראָסט און אַז על-פּי-שכל באַדאַרף אים יעצט קלינגען אין רעכטן אויער...

פאַרוואָס? אָט גלאַט אַזוי זיך.

ער האָט געקוקט אויף זיינע שוואַרצחנעוודיקע בגידיש שווייגנדיקע און יורדיש-באַוואַקסענע פּיס און ווידער געטראַכט:

„זיי זענען באַוואָקסן אָט די פּיס מיינע אָט-די-אָ. אפשר צופיל באַוואָקסן.

„פון וואַנען וואַקסן זיי אָט די פּיס?

צין צימער האָט געשמעקט מיט גרויס-סוחרישע בעזים-בלעטער, מיט אַריסטאָקראַטיש-יחוסדיקן קאַרבאָל-זייף און מיט מאָדנע מרה-שחורהדיקן, אפשר צופיל מרה-שחורהדיקן שמעק-טאַבאַק.

עס איז געווען מאָדנע.

איז אָט!

ליגט ער דגוש-חזק און געניצט מיט לאַנגע נאָגנדיקע, לאַנג-הבדלה-אויסגעצויגענע געניצן, ווי די כפל-שמנה'דיק „פרילאַגאַטשנעס" פון זיין מחבר.

אַרום אים מיט מאָדנע טריט דרייט זיך חמשה עשר דער שדכן, אָט דער חמשה עשר, וואָס האָט שטענדיק ליב צו זיין אַ געלער.

שוין אפשר צופיל אַ געלער.

דגוש־חזק שטעלט זיך אויף אין וואַנע. ער איז מאָדנע נאַס, גביריש־נאַס. איז ער אָט דער בן־יחידישער דגוש־חזק און ער טראַכט:

„אַרום וואַקזאַל דרייען זיך אַרום מענטשן דאַנטיסטן און אַקושערקעס און העברעאישע לערער, און אַלע זענען זיי טרוקן און אָנגעטון און נאָר ער איינער אַליין איז נאַס".

אַ רחבות־יחוסדיקע פּאַרע שלאָגט פון זיין ירושה־נאַקעטן גוף. חמשה עשר נעמט די מיט וואַסער־אָנגעזאַפּטע, בערגעלסאָן־לשון־אָנגעשוואָלענע גאָמבעקע און אָט:

„ער'ט רייבן. אוודאי ט'ער רייבן. פאַרוואָס זאָל ער נישט רייבן אָט דער שדכן?"

און אָט:

חמשה עשר נעמט רייבן דגוש־חזקס פּלאַסטיש־געפורמטן נגידיש־יורדישן הינטער טייל און אַ געפיל איז ביי אים אַ מאָדנער, אַ שדכניש־קבצניש־לעקיש־לעקערישער געלבלעך־אונטערטעניקער ווי זיינעם אַ פּעטער זאָל געווען זיין ענג אין סטאָן.

און ער טראַכט.

„דאָס וואָס איך רייב איצט האָט גאָר קיין פּנים נישט..."

און נאָך:

„וואָס פאַר טיף־שכלדיקע געניאַל־המצאהדיקע ווערטער אָט דער מחבר לייגט מיר אַריין אין מויל אַריין, אָט דער מחבר".

ער קען שוין איינמאָל אַריינזאָגן, אָט דער מחבר.

דגוש־חזק איז מיד צוצויגן נאָגנדיק מיר. ס'איז נאָך אַלעמען. נאַדסאָן נודיעט אים, דער לאַנגער והוא־רחום נודיעט אים, דער געלער שדכן נודיעט אים אויך.

וואָס דרייט ער זיך דאָ אַרום אָט דער געלער קבצן און מאַכט אים אַ תל פון זיין הינטער־חלק?

און עס פאַלט אים פּלוצלונג איין אַ געדאַנק.

ער'ט עסן אַ פוטער־פּלעצל.

שמוגלערס

פון עוזר ווארשאווסקי.

פאנטל גנב שטעקט אַרונטער זיין רעכטע האַנט הינטער זיין וואַטאָוון לייבל, די לינקע הינטערן קאָלנער, מיט דער דריטער האַנט נעמט ער זיך קראַצן אויבן אַרום, ביי דער פלייצע, ניט ווייט פון פיאַטע, און זאָגט צו זיין ווייב:

— גליקע, אַ כאָליערע דיר אין די ביינער.

— אַ פייער אין דיינע געדערים, — ענטפערט אָפּ גליקע פון צווייטן געלעגער — וואָס ווילסטו, אַלטער שיקסע־קריכער?

— גאָרניש׳. איך וויל זיין נאַטוראַליסטיש, קראַץ איך מעך, און שעלט זעך, און רייד געמיינע דיבורים.

— אַ כוואַראָבע דיר אין די געהירן.

פאַנטל נעמט אָנטון די קאזשעלקע, און זאָגט צו זיין ווייב:

— אַ פייער זוכט מעך, איך פאָר קאָ׳ ווארשע מיט שמיגל.

— ווער דערוואָרגן — ענטפערט גליקע.

פאַנטל גיט אַ זבענק מיט דער כאָליאַווע זיין ווייב אין מעוברתן בויך אריין. דאָס ווייב איז מפּיל.

— פאַנטל גנב! זע, וואָס האָסטו געמאַכט?— שמייכלט גליקע.

— אַ פייער זוכט מעך, גיב׳ס אַהער ס׳מפּיל קינד, וועט עס מיט מיר פאָרן קאָ׳ ווארשע מיט שמיגל.

פאַנטל נעמט ס׳מפּיל קינד אונטערן סערמיאַגע און לאָזט זיך גיין. אין קעך אויפן שלאָף־באַנק שלאָפן זיינע צוויי זין, מענדל און אורקע.

— אַ קרענק דיר, גיב זיך אַ רוק! — זאָגט מענדל.

— אַ בראָך דיר אין די פיס! — ענטפערט אורקע.

— אַ פייער זאָלסט אייך ביידן — זאָגט פּאַנטל. — שטייט'ץ אויף וועלן מיר פאָרן קאַ' וואַרשע מיט שמיגל.

גאָך דעם גוט־מאָרגן גייט דער טאַטע מיט די בנים צו פּעלטען.

ביי פּעלטען זיצן שוין אַלע „פּשיאַטעלעס" שמוגלאַרס: דער רב, די רביצן, דער דיין, טראַלקע בילך, יאַסקע באָק, יאַז דער סטודענט, בוידל קאַטלעס, חנה די זאַגערין, מאיר דער ראש ישיבה, יושעק בורדזע; זיי טרינקן בראָנפן און קוועטשן שיקסעס.

— אַ כאָלערע זאָל ענק אויסדישען — מאַכט פּאַנטל — איר זליוקעט בראָנפן און מיר גיט עטץ קאַדוכעס.

פּעלטע דערלאַנגט אים אַ מולטער בראָנפן.

— נאַ, טראַסקע אריין, אַ נכפּה דיר.

פּאַנטל זלייקעט אויס דעם מולטער בראָנפן. ער צעגראַשט די ליפן, זאַכלישנעט זעך און ווערט זאַגלושט.

— אַ צעזעצעניש ענק אין די ביינער, — זאָגט ער — איך וויל ניש' קאַ' בראָנפן, איך וויל שיקסעס.

— הינטישע יוכאַ — שרייט מענדל צום טאַטן, ניש' טשעפּע די שיקסעס. וואָרען איך וועל דיר דעם ציפּערבלאַט צעבויגן!..

— און איך וועל דיר די קישקעס אַרויסלאָזן, טאַטע — זאָגט אורקע.

אַקיצע אַדוווע, דער טאַטע מיט די בנים שעכטן זיך שוין. פּאַנטל זבענקעט מענדלען אין די באַקעס, אורקע מאַכט זיין טאַטן בלאָע אָנגעלאָפענע קישקעס, מענדל האַקט אונטער דעם טאַטן די זשעבערעס און ביי אַלעמען יוכט די נאָז.

— אַ טויטע פּגירה זאָל ענק אויסדישען — זאָגט דער רב — וואָס האָט עטץ זעך צעטשאַכמערט. אַ טאַטע מיט קינדער זאָלן זיך זבענקען, סאַ כילע אַשעם, נאַמיר גיין שפּאַנען די קאָבילעס און פאָרן קאַ' וואַרשע מיט שמיגל.

— אַ כאָלערע אין דיין קאָפּ — זאָגט דער דיין און גיט דעם רב אַ זבענק אין די זשעבערעס און רייסט אים אָפּ דאָס לונג־און לעבער — אויף מיינע „מונעס", זאָל מאַר אַלע 'זוי

לייבן, ביזט אַ יאַט!

חברה שמוגלאַרס גייען אין שטאָל שפּאַנען די קאָבילעס.

דער אוגער דערזעט די שיקסעס, צוהירזשעט ער זיך, ווי אַ פערד: הי, הי, הי!..

איצט פאָרט מען שוין. אין וואָגן ליגט ס׳גאַנצע שמוגל: יאָסקע באָק, דער רב, די רביצן, טראָלקע בילץ, די זאַגערין, בוידל קאָטלעט, דער מורה הוראָע, דער סטודענט, יוזשעק בורדזע און די איבעריקע שיקסעס.

און אַז דער טראַקט איז לאַנג און עס איז זייער נודנע צום האַרצן, זאָגט דער רב:

— אַ פייער זוכט ענק! ס׳איז קאַלאַמוטנע אונטערן לעפּעלע, נאָמיר זיך זבענקען.

אַקיצע אַדוווע — מ׳שעכט זיך ווידער: פּאַנטל זבענקעט יאָסקע באָק אין די זשעבערעס. טראָלקע בילץ טרענט דער רב די זייטן, יאז דער סטודענט בויגט יוזשעק בורדזען דעם ציפערבלאַט, מענדל מאָטעוועט דעם דיין די קישקעס. אַזוי זבענקעט מען זיך, ביז עס קומט צולויפן אורקע מיט אַ יאַכמער:

— אַ צעוועצעניש ענק אין די באָקעס! די וואַך קומט! באהאַלט׳ך דאָס שמיגל!

חברה נעמט באַהאַלטן דעם שמיגל. טראָלקע בילץ באַהאַלט דעם רב אין אַרבל, בוידל קאָטלעט באַהאַלט דעם דיין אין כאָליאַווע, יוזשעק בורדזע שלינגט אַראָפּ די רביצן, דער רב פאַרשטעקט די שיקסעס אין יאַרמולקע, די שיקסעס באַהאַלטן דעם פערד־וואָגן אין זאָק און אַזוי בלייבט מען שטיין אָן אָטעם. בלויז איין פּאַנטל מיטן מפּיל־קינד לויפן אַקייגן דער וואַך.

— עי יודע! האָבן זיי שמוגל?— פרעגט די וואַך, וועלכע באַשטייט פון 300 זעלנער פּיעכאָטע מיט האַרמאַטן און אַרטילער־ע.

— אַ פינסטערע פּגירה ענק אין די געדערים — שרייט פּאַנטל און נעמט פּאָכען מיטן מפּיל־קינד רעכטס און לינקס און לייגט אַוועק די גאַנצע וואַך קאַלט אָפּגעקאָכט אויפן אָרט.

חברה שמוגלאַרס פאָרן ווייטער.

— אַ פייער זוכט ענק!

שניאור.

מעשי בראשית.

אַלע נאַכט פלענטשען זיך מיר
מעשיות, חלומות און נעכטיגע טעג —
זאָל עס פאַלען אויף פוסטע
פעלדער און וויסטע וועלדער...

גאָט, שאַפונגס-געדאַנק און א בייזע וועטשערע.

א.

אין אָנפאַנג האָט גאָט ניט געוואוסט, ווער עס האָט איהם פערשלייערט.

אַ גרויסער באַאָס האָט געהערשט, אַ מיש-מאַש, אַ משונה-דיגער קאָפּעדראַציע, אָהן פאַרב, אָהן צייט, אָהן אַ גרעניץ, אָהן אַ ציל, אָהן גע- צַנק, אָהן לייב און לעבען, כדומה, ווי אַ מעשה-בראשית-פּאָעמע.

דאָס איז געווען ניט קיין פינסטערניש, וואָרום פינסטער איז ניט ליכטיג, עס איז געווען ניט קאַלט, ווייל קאַלט איז ניט וואַרעם און וואַרעם איז ניט קאַלט. משמעות עס איז געווען אַזוי — לעבליך; עס איז געווען ניט קלאָר, ווייל קלאָר איז ניט משוגע און משוגע איז ניט קלאָר און קלאָר איז ניט שוואַרץ און שוואַרץ איז אַ שוואַרץ-מאה'ניק און אַ שוואַרץ-מאה'ניק איז שכור און שכור איז ניט ניכטער...

הכלל, עס איז געווען — זאָל איך אַזוי וויסען פון בייז, אויב איך ווייס וואָס עס איז געוועזען.

ב.

און גאָט האָט געשלאָפען.

ניין, ניט געשלאָפען האָט ער! אז מען שלאָפט, שנאָרכט מען, און גאָט האָט נישט געשנאָרכט.

טאָ וואָס-זשע פאָרט האָט גאָט געטון? — גאָרנישט.

און אַז עס איז ניטאָ וואָס צו טון, שרייבט מען פאָעמעס און באָבע-מעשיות פון ששת ימי בראשית אָן...

ג.

און עס האָט זיך געשאַפט אַ שאַפעכץ.

אומגעלומפּערטע ברעקלעך, שטיקלעך, פיצלעך משוגעת'ן און ווערטער האָבען זיך געטראָגען, געשוואומען, געפלויגען הענדום-פענדום —

— צו וואָ-אָס?! — האָבען די כאַאָסען געהאָלדערט.

— מען פרעגט צו ווען?! — האָבען די אייביגקייטען געפירכעט.

— האָפּ-טשיק-טשאַק! — האָט דער שאַפונגס-געדאַנק געהירזשעט.

נאָר קיין בעדייטונג האָט קיינער ניט געוואוסט; אַפילו גאָט אַליין, וואָס קיין סוד איז איהם ניט צו שווער, האָט אויך ניט געוואוסט, וואָס אַזוינס איז בעהאַלטען אין דעם מוטנעם פער־וואָלקענטנעם „האָפּ-טשיק-טשאַק" אַפילו שלמה המלך, וואָס האָט געוואוסט, וואָס אַלע חיות, עופות, שרצים און דעקאַדענטען רעדען, — האָט אויך ניט פערשטאַנען מאי דקאמרי רבעצין.

ד.

און דער שאַפֿונג-געדאַנק איז געלאָפֿן, געלאָפֿן איבער וויסטע פעלדער און פוסטע וועלדער, דאָרט וואו עס ענדיגען זיך אַלע ציפֿערן, לאָגיק, צייט, אָרט און שכל הישר...

— לאָמ — שטאַ — די — ריי לאָם! — האָבען די כאַאָס-אָבגרונדען געבורטשעט ווי פֿון בויך אַרויס.

— קודער — מודער — פודער! — האָבען געפֿאָנפֿעט די פערבאָרגענע תהומ'ען.

— קאַזאַ — טשינאַ — באָם! — האָבען מיליאַרדען וועלטען אָבגעקלונגען.

— דזוואַי פאַראָם! — האָט גאָט בביכל אַליין געמאַכט „אַ ויצעקו".

ה.

און די שאַפֿונגס-פֿאַנטאַזיע איז געלאָפֿען. ווי אַ סקאָראָכאָד איז זי געלאָפֿען, ווי אַ פאָזשאַרניק אויף אַ שרפה, ווי אַ גאָראָדאָוואָי נאָך אַ גנב. און אייביגקייטען האָבען איהר ביי די פּאָלעס געכאַפּט, און פוסטקייטען האָבען איהר זאַלץ אויפ'ן עק געשאָטען, און זי איז אַלץ געלאָפען, געמאַכט קאָזעלקעס און געהירזשעט:

— איך בין!...

— דו ביזט! — האָבען וועלטען אונטערגעכאַפּט.

— וואָס בין איך?

— אַ גרויסער! — האָט דער מיש-מאַש געהילכט.

— אָ, יע, איך בין גרויס, אַלמעכטיג אין לשער! פון כאַאָסען מאַך איך פּאָטראַוועס; מיט גאָט בין איך אַ פּאַני-בראַט! מיט אייביגקייטען בין איך חבר-לאַפּ! איך שאַף, און טו, און מאַך, און לויף גאַלאָפּ, און קלאַפּ, און פייף. עס געהט אַ גאַנג —
און רוף מיך קנאַק-ניסעל!

אנכי.

ר׳ אבא.

האָ?.. וואָס זאָגסטו?.. מנאָ!.. עמ.. בע.. מע..
איך רעד פון אַמאָל... פון אַמאָל רעד איך... פון אַמאָליגע יאָהרען... ניטאָ אַמאָליגע יאָהרען... שייך... מ׳ממע—ע... ב׳בבב—ע.. אוי, אוי, אוי... הו!..

איך רעד בכלל... בכלל— גאָרנישט.. אָבער לגמרי גאָרנישט... וואָרום וואָס?.. וואָס?.. האָ?.. וואָס זאָגסטו?.. פרעגסט עפּעס?.. עפּעס?.. האָ?.. צו וואָס זאָג איך צוויי מאָל אַ וואָרט?.. דריי מאָל אַ וואָרט?.. פיר מאָל אַ וואָרט?.. פינף מאָל אַ וואָרט?.. צעהן מאָל אַ וואָרט?.. פון אַ וואָרט אַ קוואָרט?.. כ׳ווייס?.. אַ דאַגה הכּסטו. מ׳ממע... בע... הו...

אַמאָל... אַמאָל... הו—הו—האַ... איך געדענק.. וואָס זאָל איך דיר זאָגען?.. עס געדענקט זיך... עס געדענקט זיך... נאַרישקייטען געדענקען זיך... האָ?.. וואָס זאָגסטו?.. ניט כדאַי?.. ניט כדאַי צו בעשרייבען, זאָגסטו?.. הממ... בע... מע.. עך—כע—כע... וואָרום וואָס?.. הו...

אָט אַזוי איז אַלץ אַנדערש אַמאָל געווען... עך—כע—כע.

אמאָל... אמאָל... אַנדערש... נאָר אַנדערש... אַמאָליגע יורען... אַמאָליגע שרייבער... געהאַט וואָס צו זאָגען... אָנגעפילט אַ ביכעל... אַ גאַנצעס ביכעל... פון טאָוועל ביז טאָוועל... אויף די טאָוולען געשריבען... ווער געדענקט גיט זייער: „לבלי להשאיר את דביר חלק... פש-פש-פש... און דוקא „אָהן"... אַלץ איז ביי זיי אָהן... אָהן... פינטעלעך... אָהן פּאַסקעס... וואָרום וואָס?..

און איצט?.. עך-כע-כע... איך זאָג אייך — שווער... דורכויס ברעקלעך... שטיקלעך, פיצלעך... סקיצלעך... עס ווילט זיך אַ גרויסעס... אַ דיקעס... בוך אָנשרייבען... עס בייכט זיך, עס קיצעלט... אוי-אוי-אוי!.. הו—האַ!..

קלער איך... אַ מענש איז דאָך אַ מענש—קלערט ער...קלערט ער... דערקלערט ער... אַנ'עצה... אַ סגולה: לאָזט ער איבער לעדיגע בלעטלעך... בלעטלעך פון פאָרענט... בלעטלעך פון הינטען... בלעטלייך אין מיטען... פוסט און וויסט... מאַכט קראַטקאָ אַ צאַצקע... אַ צאַצקע פון פאָרענט... אַ צאַצקע פון הינטען... אַ צאַצקע... אַנ'המצאָה!.. אוי-אוי-אוי...

דער נסתּר.

„קוקעריקו...“

געוועזן איז עס היינט אָדער נעכטען אָדער אייערנעכטען אָדער אייער-אייער-נעכטען אָדער אין אַ טאָג, וואָס איז ניט היינט און ניט נעכטען און ניט אייערנעכטען און ניט אייער-אייערנעכטען, האָט ווייט הינטער די האָריזאָנטען, וואו עס שפּראָצט מיט פּלוידערײַ און זויער-מילך, מזרח-חופּה און פּאָדעשווע-טשוועקלעך, זונען-שפּראָץ און טוואָרעק-קעז, הימעל-בּלוי און תּרגום-לשון — דאָרטען האָט ער זיך געוויזען און ווידער אַמאָל זיך געוויזען — דער האָהן!...

דער האָהן האָט זיך געוויזען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווי אַ הייליגער זקן-דראָנג, איז ער אויפגעגאַנגען, לעכצענד-בּלצה געטובל׳ט, גרין און רויט פונאַנדערגעכאַנדריטשעט, — האָט ער געקוקט אַהין — צום לאָמפּ!

הויך און העכער האָט ער געקוקט, ווייט און ווייטער האָט ער געקוקט, טיף און טיפער האָט ער געקוקט. ענדליך האָט ער אַ לאַנגען אויסגעצויגענעם קרעה געטון:

— קו-קע-רי-קו! !...

און ניט קיין קוקעריקו איז עס געוועזן, נאָר אַ הייליגעס תּפילה-ליעד!

מײַן גאָט! און איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ פּשוט'ער קוקעריקו!

וועה מיר! וועה מיר! איך האָב מײַן וועלט פֿערשפּילט!...

און אַ ליד ווערט פֿון דעם „קוקעריקו!" בעשאַפֿען. פֿון תּהו-ובֹהו קומט דאָס ליד, פֿון פֿינגער-זויג און טראָפּען-שווייס וועבט זיך דאָס ליד, פֿון פּראַצע און קעסעל-פּויק ערהויבט זיך דאָס ליד: הילך, פּראַל, פּראַטש, אוי, ווידער-קול! הילך, פּראַל פּראַטש אוי, ווידער-קול!

הימעל און ערד און סטרוטשע-באָב!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

און די תּפֿילה ציהט און בעט זיך פֿאַר גאָט. אין ווייטקייט בעט זי זיך מיט רחמים-קלאַנג און צעפּציכע בעט עס זיך, מיט פֿאָווידלע און בעט-געוואַנט בעט עס זיך:

גוואַלד, הער אויף!

דער געדרודעלטער קוש.

פון אַ שאַלקהאַפטיגען מאַנספּאַרשוין.

(אַ שטיקעל ראָמאַן אין ר׳ מרדכי׳לעס איבערזעצונג.)

די סוסים האָבען אַרויסגעלאָזען אַ בגלופנדיגען הירזשען, אַ מין געדריידעלטער תקועה-גדולה מיט אַ מרחה-טפחה צוזאַמען, פערשנאָשקעט מיט אַ שלשלת און געבליבען שטעהן ביי דער אכסניה אָץ-קוצץ.

באַלד איז פון קאָליאַס-וואָגען אַרויסגעגאַנגען אַ יונגער זכר, אַ שררה, אַ גרויסער לייט פון דער עסטרייכישער פש־פש־פש, אודאי אַ יענעראַל, אַ גראַף אָדער אַ פעלדשער.

ער גיט איבער דעם משרת זיינע זאַכענישען און נעמט מיט שטרויכלענדען אימפעט אַרומשלענדרעווען איבער די רחבות׳דיגע חדרים פון אָץ-קוצץ אכסניה, צו פאַנגען אַ רויב אין אַ פרויען-געשטאַלט. ער שלענדרעוועט, שלענדרעוועט און אויף צופיקעניש געפינט ער נישט זיינע מענערישע „חפציות״...

דאַן ווערט ער גערייצט פון אָנגעדראָלענע רוגזה, קנורט-וואָכטשעט, לויערט לעפיש-נאַריש אַרום און אַרום און הינדערט מיט אַ הינדערניש; זיינע קנאָכען טראָמפלען, זיינע לעפצען שמו-צערען און זיינע נאָזלעכער פאָכען מיט גרויס גרימצאָרן, ווי אַ

קליאַטשע פון זלידנע פליגען געביסען.

ער קומט אַריין אין אַ אכל-צימער און פאַר זיינע קוקערס ענטפלעקען זיך צוויי פאַרשוינען: אַ נקבה-געשטאַלט און אַ יאַטל, אַ בן-זכר.ביידע בעשיינפערלאַך עלעגאַנט, היבש קערענדיג און דיק און אָפענבאַר תאוה׳דיג. איהרע שענע מלבושים אויף די לענדען זענען פול מיט וואוילגלוסטיגקייט און איבוועניגסטע איי-טעלקייט; איהר שלום-ושלוה-קוק אין די בליצעלדיגע אויגען, וואָס לוגען אַראָב ווי פון אַ האָכבעריגען באַרג,—האָבען אונזער מאַנס-פאַרשוין געפלעפט מיט אַ געפלעפטע דבקות און מיט לייטזעליגע לייטזעליגקייט.

—אַך, ווען די זאָל נישט געווען זיין אַזוי אגב-אורחה׳דיג, האַרטנעקיג און סטרעקאַטע!—האָט ער געשטאָלפערט אין זיינע געדערים, פערוואָרפען דעם קאָפּ באַלכסן, ווי אָ פיפערנאָטער און זיין אינגעווייד האָט געשטרודעלט, געבורטשעט מיט אַזאַ ירגזון, ווי מען וואָלט דאָרט קליפּערן מיט קלאַפּערגעצייג.

איך און פרץ

אַביסל זכרונות צו זיין יאָרצייט

פון ד"ר גרשון לעווין.

פון זינט איך געדענק, האָב איך געפלעגט צו זיין אַ זייער סימפּאַטישער מענטש, הגם איך האָב געפּלעגט צו שטאַמען פון זייער אַן אָנשטענדיקע פאַמיליע. מיין פאָטער האָט געפלעגט צו זיין אַ ברונעט, ווייל ער האָט געהאַט אַ גרויסע העברע־ישע ביבליאָטעק פון רוסישע ביכער. מיין מוטער איז געווען פון מיטעלען וווקס, נאָר זייער אַ געבילדעטע אין צאינה וראינה. מיין עלטערער ברודער האָט געפלעגט צו לעזען שערלאָק האָלמס און דאָסטאָיעווסקין, מיין יונגערער ברודער האָט געטראָגן אַ האַרטן קאַפּעלוש און איך בין געווען אַן עקסטערן.

מיין פאָטערס מי מיך צו מאַכן פאַר אַ העברעער האָט זיך אים פאַלשטענדיק איינגעגעבן. איך בין געוואָרן אַ סטודענט פון זיבעטן קלאַס גימנאַזיע.

אַלס אינטעליגענטער מענטש, האָב איך זיך אויפגעטראָגן נאָר מיט אינטעליגענטע מענטשען. אַזוי למשל, האָב איך געהאַט אַ פריינט, זייער אַן אינטעליגענטער מענטש, מחמת זיינס אַ ברודער האָט געהאַט אַן אַפּטייק־סקלאַד אין סלאָנים.

דערוויסנדיג זיך, אַז איך האָב אַזאַ אינטעליגענטע נשמה, האָבן אַלע אינטעליגענטן געזוכט זיך מיט מיר צו באַקענען. אַזוי האָט אויך פרץ, אויף וועלכן מען זאָגט, אַז ער איז געווען אַ גאַנץ אינטעליגענטער שרייבער,—געזוכט מיט מיר זיך צו טרעפן.

איינמאָל האָט מיך פרץ געטראָפן, ווען איך האָב גע־

שפּילט אויף דער פּיאַנאָ ער האָט זיך צוגעהערט און געזאָגט:
— איר באַדאַרפט קענען שרייבן.
אויף מאָרגן האָב איך אים געבראַכט מײַנס אַ נאָוועלע.
ער האָט עס איבערגעלעזן און געזאָגט:
— איר באַדאַרפט קענען שפּילן פּיאַנאָ.
פּרץ האָט געהאַט אַ נאָז פאַר אַזעלכע זאַכן.
איך האָב גלייך דערפילט, אַז איך וועל האָבן אויף אים אַ גרויסע השפעה.
איך גלויב אין דעם ערשטן איינדרוק, וואָס אַ מענטש מאַכט אויף דעם צווייטן.
אַזוי איז אויך אין דער ליבע. דער ערשטער רושם, וואָס אַ מיידל מאַכט אויף אַ מאַנסביל, שפּילט אַ גרויסע ראָליע, הויפּטזעכלעך, ווען דאָס מיידל איז אַ שיינהייט. ווען אָבער דאָס מיידל איז אַ פאַרזעעניש פון זיין ליבן נאָמען איז דער רושם נישט גוואַלדיק.
דעם דאָזיקן געדאַנק האָב איך אַמאָל אַרויסגעזאָגט פּרצן האָט ער מיר געזאָגט:
— איר וואַקסט אַ דענקער.
איינמאָל האָט מיר פּרץ געשענקט זיין „עוויקע־פעדער״ און האָט מיר געזאָגט:
— שרייבט שוין בעסער רעצעפּטן איידער דערציילונגען.
איך בין געווען געשמייכלט און גליקלעך.

„טרעאַטער"

דראַמען.

פּרץ הירשבײן.

איינזאַמע ווערטער.

פֿון דעם ציקעל סימבּאָליש־אימפּרעסיאָניש־נודנע־אַרבעס־צום־האַנטיגע פּיעסען.

פּערזאָנען:

יאָשע (געהט אויף איין פוס).
מאָשע (פּייפּט מיט די נאָז).
נאָשע (שפּייט אין סטעליע).
שאָשע (קריכט אויף די גלייכע ווענט).
דוואָש (כאַפּט פליגען).

די ביהנע שטעלט פֿאָר: אַנ'איינזאַם הייזעריג הײַזעל, אַ טונקעל־גראָהען באַק־אויווען; אַ טרויטענד־דופּטינע דייזשען; אַ געהיימניספולען לאָקשען־ברעט און אַ פֿערגליווערט בענקענדען ריב־אײַזען. די אַלע זאַכען וועט מען ערשט מאָרגען קויפען).

ערשטעס בילד.

ס אָ ש ע (פערצווייפעלט): און די אַרבעל זענען צוריסען פון די עלעבויגענס העגנען שטיקער. און עסען ווילט זיך.

י אָ ש ע: און א זשילעטקע דאַרף איך, מיט ברוסטינענע קנעפּלעך, מיט אַ ספּראָנזשקע פון הינטען...

נ אָ ש ע: און איך האָב אַזוי האָלט לינזען...

(דריקענדע שטילקייט).

מ אָ ש ע: (פערטראַכט) טיק-טאַק, טיק-טאַק... איינס, צוויי דריי... איינס, צוויי, דריי, פינטעלאַך, פּאַסקעלאַך... פינטעלאַך, פּאַסקעלאַך... איהר, מיינט עס איז אַזוי זיך סתם? ניין, איהר האָט אַ טעות ... דאָס וועט זיין אַ דראַמע..

י אָ ש ע: היי...

מ אָ ש ע: שטרוי...

נ אָ ש ע: מעקענע...

ס אָ ש ע: האָסט אַ נאָזטיכעל? — וויש אָפּ די נאָז.

ד וו אָ ש ע: גוט-שבת, געלע! רעטאַך טראָג אַ ך!..

נ אָ ש ע: און איך האָב האָלט לינזען...

(עס פיהלט זיך אַריח פון געקאָכטע לינזען. פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם).

צווייטעס בילד.

י אָ ש ע: (שנייצט די נאָז) איך ווייס ... אוודאי... אין גאַליציען טראָגען יודען לאַנגע בערד; אין אַמעריקע געהט מען גאָר אָהן וואָנסען; אין רוסלאַנד טרינקט מען וויסאָצקיס טיי...

מ אָ ש ע: גראַם, שטראַם, מאַך מיר אַ לעטניק...

נ אָ ש ע: אַ פּאַטש אין גוט-שבת!

ס אָ ש ע: חו-הו-הו... הו-הו-הו...

ד וו אָ ש ע: און איך האָב האָלט לינזען... — —

(לאַנגע שווערע פויזע).

מאשע: טיק-טאַק! — טיק-טאַק... טיק-טאַק.. איינס, צוויי. דריי... איינס, צוויי, דריי... איך שרייב דראַמעס, מיינע טעמעס האָבן אַ זעלטענע מעלה. אַ זעלטענע מעלה...

נאָשע: דהיינו?

מאָשע: מען קען זיי לייענען (מיט אַ געניץ).

סאָשע: פֿון אויבן אַראָפּ.

דוואָשע: פֿון אונטען אַרויף.

יאָשע: פֿון רעכטס אויף לינקס.

סאָשע: פֿון לינקס אויף רעכטס (לאַנגווייליג).

יאָשע: דערזעלבער זין.

גאָשע: דערזעלבער קלאַנג.

נאָשע: דיזעלבע ליריק.

דהאַשע און געדאַנק...

(לאַנגווייליג, עס ווילט זיך שלאָפֿן. פֿאָרהאַנג)

א. ווייטער.

אויפ׳ן פייער.

סימבאָליזעלע אין 3 שטיקלעך.

פערזאָנען:

דער דיכטער.
העניאָך דער שוסטער.

ערשטער שטיקעל.

דער דיכטער (פערלאָגדריטשעט): אַ זאַפּטער געדאַנק קאַראַטשקעט זיך ערגעץ... אַ פערבלאָנדזשעטעס בורטשען... אַ פער׳חלומ׳טעס פירכען... ער קומט... ער געהט...

העניאַך דער שוסטער: גוט נ׳אָוועגד!

דער דיכטער: אין דעמערונג שלייכט ער... לעבער־גרוי ערשיינט ער...

העניאַך: גוט נ׳אָוועגד!

דער דיכטער: ווי צו וואַסערמויד געריטען אויף אַ קוטשערע שוועבט ער...

העניאַך: גוט נ׳אָוועגד...

דער דיכטער: איז עס אַ וואַנדער-גייסט, געשפּענס־טער, אָדער חנה־סאָשע די בייגעל־בעקערין?

העניאַך: דאָס בין איך! איך, העניאַך!

דער דיכטער: וועלכער העניאַך!

ה ע נ אַ ך: הענאַך דער שוסטער!

צווייטער שטיקעל.

ד ע ר ד י כ ט ע ר: איך טרינק דעם גלאַנץ פון דיין פער־רויכערטען דאַשעק! איך זעה דיין געלע הערבסט־שטים!... אָ, הענאַך!

ה ע נ אַ ך: איך טראָג זייערע שטיוועל.

ד ע ר ד י כ ט ע ר: דיינע תחתונים מיט בלאַסע לבנה־לאַטעס געשטריקט, בלאַנקען גרוי־וואָלקענדיג, אָ, הענאַך!

ה ע נ אַ ך: איך האָב איך געבראַכט אייערע שטיוועל!

ד ע ר ד י כ ט ע ר: אָ, מיינע שטיוועל! מיינע מעלאַנכאָ־לישע שטיוועל, וואָס האָבען מיט איינציגע שטונדען צוריק אויס־געפּענט ווי צאַרטע בלומען אין פריהלינג זייערע מיילעכליך און ענטפּלעקט די טיפע סודות, וואָס די נאַטור האָט דאָרט פערבאָרגען: פינגער און הינעראויגען.

דריטער שטיקעל.

ד ע ר ד י כ ט ע ר (מיט שטיוועל־פּאַטאַס רעדט ער ווי פון היץ): צווישען שטראַהלען־געוועב און נאַכט־פעדעם זעה איך מיינע פערריכטע שטיוועל.

ה ע נ אַ ך: אַלץ הייסט שטיוועל?

ד ע ר ד י כ ט ע ר: ווי בלומען־שטויב לייכטען די פּאָדעש־ווע־טשוועקעלעך. אָ, הענאַך!

ה ע נ אַ ך: שוין איינמאָל טשוועקעלעך!

ד ע ר ד י כ ט ע ר: ווי אונשולדיגע חלומות פון בופלאַקס־אַקסען גלאַנצען די פּאָדעשוועס, אָ, הענאַך!

ה ע נ אַ ך: שוין איינמאָל פּאָדעשוועס.

ד ע ר ד י כ ט ע ר: וואָס פאַר אַ הימלישען גליק זאָל איך דיר שענקען? אָ, הענאַך!

ה ע נ אַ ך: מיר קומט צוויי גילדען מיט אַ צעהנער!

ד ע ר ד י כ ט ע ר: נישט קיין גילדענס און נישט קיין צעהנערס וועל איך דיר געבען, נאָר שטימונגען... שטיקלעך וואָלקען וועל איך דיר צעהלען.... מיט דעמערונג וועל איך דיר בעצאָהלען!... שטראַהלען, חלומות... הארף־קלאַפּעניש, נשמה־קוועטשעניש... ציהעניש, בענקעניש און ווינקעניש... אַ הענאַך!

ה ע נ אַ ך: מיר קומט צוויי גילדען מיט אַ צעהנער!

ד ע ר ד י כ ט ע ר: אוי ועה, וואו נעהמט מען עס?

(דער שוסטער כאַפּט די שטיוועל און פערשווינדט אין דעמערונג).

(פאָרהאַנג).

סקאָרפּעטקעס

אַ דראַמע אין לויטער שטימונגען

נאָך יצחק קאַצענעלסאָן

פּערזאָנען:

ער.

זי.

אויף אַ פּרעמד בעטיל אויף פיר סימבאָליש־דעקאָדענטישע פיסלעך ליגט ער און טרוימט אַ טרוימאַכץ. פלוצלינג, ווי פון אַ כשוף־שפּרוך, ווי אַ גייסט אין אַ קאָלדרע, שלייכט זי אַרוים. צווישען די פערשמאַכטע פינגער האַלט זי אַ באָרער־באַרעל, אַ קנעפּעל, און אַ קאַמזויל. דעמערונג. אין פענסטער קוקט אַריין אַ סירקאַנטיגע לבנה.

זי: אַ, לאָז מיך, איך וועל אין דיין קאַמזויל אַ קנעפּעל איינגעהען...

ער: נעה.

זי: אַ, אַ בלעכערנעם קנעפּעל...

ער: יאַ... אַ קנעפּעל... אַ בלעכערנעם קנעפּעל... קנע־

פעל... טעפעל... קעפעל... קעפעל, טעפעל, קנעפעל. ווער חזר'ט עס אַזוי לאַנג, ביז עס קומט די געווינשטע שטימונג. פויזע. זי זעצט זיך בײַ דער זײַט און קוקט אויף איהם מיט אַ קוועקוילבערנעם געלעכטער)

ע ר: אָ, לאָז מיך, איך וועל דײַן בערדעל צופּען.

ז י: אוי וועה! איך האָב קײן בערדעל. איך בין אַ פרויענצימער!

ע ר: לאָז מיך מײנען, אַז דו האָסט אַ בערדעל.

ז י: וועלכע בערדעל?

ע ר: אַ גרינע, בלאָנדע, רויטע, ווײסע, געלבע, גרינע, ברוינע, בלויע בערדעל.

ז י: (ווי אַנ'עכאָ) א גרינע, בלאָנדע, רויטע, ווייסע, געלבע, גרינע, ברוינע, בלויהע בערדעל.

(לאַנגע פּויזע, לקוי לבנה, שטאַרק פינסטער).

ע ר: שש... דו זעהסט?

ז י: איך זעה גאָרנישט. ס'איז פינסטער.

ע ר: אַ דאגה האָסטו. מען דאַרף האָבען צום שטימונג.

ז י: כ'מיין, אַז מען דאַרף, זעה איך.

ע ר: וואָס זעהסטו?

ז י: וואָס דו ווילסט.

ע ר: אַ פירקאַנטיגען בייגעל?

ז י: אַ פירקאַנטיגען בייגעל.

ע ר: אַ בן פקועה?

ז י: אַ בן פקועה.

ע א: אַ בלאָווען פערד?

ז י: אַ בלאָווען פערד.

ע ר: לאַנגע פאַרפעל ז קײלעכדיגע קרעפלאַך, רונדע לאָקשען?

ז י: (ווי אַנ'עכאָ) לאַנגע פאַר—פעל, קײלעכדיגע קרעפ—

ליך, רונדע לאָקשען...

(דריקענדע שטילקייט. זיי בעטראַכטען איינער דעם אַנדערען
מיט געקרייזעלטע קלעמעניש)

ע ר: סס... דו הערסט?

ז י: איך הער גאָרנישט, ס'איז שטיל.

ע ר: נאַרעלע, מען דאַרף האָבען צום שטימונג.

ז י: כ'מיין, אַז מען דאַרף — הער איך.

ע ר: וואָס הערסטו?

ז י: זאָל מען דאָס הערען אויף טראַסצעס.

ע ר: טראַך!...

ז י: באָם!

ב יי ד ע: בים, באָם. ביה — הו— הי.—

(דאָ קומט די אמת'ע שטימונג און דער פאָרהאַנג פאַלט).

דער כינעזישער באנדיכאו ציפ-צע׳

אָדער

רעקס מיט וואגעו: אבער די אינגערשע [illegible] אין

דאס פינטעלע יוד,

אַ פאָלקס-שטיק אין פיר אַקטען און זיבען בילדער.

פערזאָנען:

זרח דער מלמד, אַנ׳אַלטער מאַן, אַמאָל געווען יונג.

גנענדעל-יעליזאַבעטע, זיין ווייב, אַ פרויענצימער.

פרינץ פאָן פלאַסקעדרינע, זייער זוהן, גערעזירט, אַמאָל געהאַט אַ באָרד. טראָגט אַ שווערד מיט עפּאָליעטען.

חאַשע די יתומה, אַנ׳ אונטערגעוואָרפענע, האָרעוועט זיך ביי זיי אין שטוב.

טודרס, אַ משרת ביי ר׳ זרח׳ן.

ציפ-צע-דריפ, אַ כינעזישער באנדיכאַן, טראָגט אַ קלייד׳ל, אויפ׳ן קאָפּ אַ צעפּעל.

ציפּע-טשו, זיין ווייב.

יאָשע-יודע, אַ פּגרדשער אין אַ קליין שטעדטעל נישט ווייט פון וואַרשע.

פאָלק, מחותנים, וואַכע-העלדען, חיל, אַ שמש, אַ מסדר-קדושין און אַ גראַמאַפאָן.

ערשטער אקט.

די ביהנע שטעלט פאָר אַ פּאַלאַסט אויף דער שמאָטשאַ גאַס אין װאַרשאַ: די װאָנונג פון זרח דעם מלמד. טראַמאָרנע קאָלאָנאַדעס, סטאַטועס, לדערנע ליוסטרעס, גאַרדינען און גירלאַנדגאָען; אויפ'ן פּאָל טעפּיכע פון לייבען- און טיגער-פעל ובכלל אַלע שענע דעקאָראַציעס, װאָס דאָס טעאַטער פערמאָגט, שטעלט מען אַרויס אויף דער ביהנע. אַרום אַ טיש, װאו עס ליגען אָנגעװאָרפען עטליכע צוריסענע סדורים און חומשים, זיצען: זרח, גנענדעל-יעליזאַבעטאַ, פּרינץ פון פלאַסקעדריגע, חאַשע די יתומה און טודרס. אַלע עסען װיעטשערע — געהאַקטע הערינג מיט איינגעמאַכץ. נאָך דער װעטשערע װערט נאַכט. מייט-װײַט אויף די פעלדער ערגעץ בליהט די קאַרטאָפעל.

פּרינץ פאָן פלאַקסעדריגע (אויפשטעהענדיג פון אָרט): פאַטער! טייערער פאַטער! יעצט, אָבעסענדיג װיעטשערע, קען איך זיך מעהר נישט איינהאַלטען... איך מוז דיר זאָגען איינמאָל פאַר אלע מאָל, אַז נײַנע געפיהלע װעגען פערברענט פון ליבע צו איהר! (װײַזט אויף חאַשע די יתומה) אָ, פאַטער, גיב אונז דיין ברכה און לאָז מיר מיט איהר הייראטען.

ט ו ד ר ס : יאָקום בעמבע.

ז ר ח דער מלמד: היתכן? קען עס געמאָלט זיין? סטייטש רו מיט חאַשע די יתומה? זאָהן מיינער, די, וועלכע איך האָב הינטער אַ שטאָהל געפונען, זאָל דיין פרוי זיין? היתכן?

ג נ ע נ ד ע ל-יעליזאַבעטע: אָ, נימאָלס, זאָהן מיינער, ניט יועט חאַשע די יתומה הייראַטען מיין זאָהן פרינץ פלאַסקעדריגע.

ט ו ד ר ס: יאָקום בעמבע.

פ ר י נ ץ פאָן פלאַסקעדריגע: אָ, פאַטער, אָ!

ה אַ ש ע די יתומה: אָ, רב זרח, רב זרח!

ג נ ע נ ד ע ל-יעליזאַבעטע: העו? וואָס זאָגסטו צו זיי-נע יאָהרען? אַ נקבֿה זאָל זיי כאַפען, חתונ'קע ווילט זיך זיי.

פ ר י נ ץ פון פלאַסקעדריגע: איך ציה מיינע שאַבליע פון שייד, איך וועל מיך שחט'ן.

ח ש ע די יתומה: און איך וועל זיך סמ'ען. דאָ אין דיזען מעדאַליאָן טראָג איך שלאַנגען-גיפט.

ז ר ח דער מלמד: געהט אין דער אדמה.

ט ו ד ר ס: יאָקום בעמבע

ג נ ע נ ד ע ל-יעליזאַבעטע: אוי אַ שלאַק איז מיר, אַ מכה איז מיר! זרח, די קינדער וועלען זיך אַ מעשה אָנטון!

ז ר ח דער מלמד: דער שוואַרץ-יאָהר וועט זיי ניט כאַפען.

ג נ ע נ ד ע ל-יעליזאַבעטע: זרח, איך וועל דיר די באָרד אויסרייסען!

ז ר ח דער מלמד: מ'נאַ, מהיכא-תיתי, איז אייך ליב איז מיר ניחא, נעהמט אייך, קינדערלעך און געהט לעזאזל.

ג נ ע נ ד ע ל-יעליזאַבעטע: אין אַ גוטער שעה, אין אַ מזל'דיגער שעה.

ט ו ד ר ס: יאָקום בעמבע.

פאָזיציאָן. פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע און חאַשע די יתומה אויף די קני. גנענדעל-יעליזאַבעטע וואַשט דאָס געפעס; זרח מ'ט טודרס'ן חאַנגעט

אַ קעק-וואַק! אַלע זינגען!
עך, מאַיאַ גרעטשאַניקי!
עך, מאַיאַ גרעטשאַניקי!

פאָרהאַנג.

צווייטעס בילד.

פריה מאָרגען. דער בודואַר פון גנענדעל-יעליזאַבעטע בעלווילמען פון אַ חנוכה-רעספעל. אַלע פריהערדיגע.

פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע האַלט ביים אָנטון די זאָקען; זינגט:

אוי, בין איך אַ באָק,
איך האָב אָנגעטאָן די זאָק
אויפ'ן לינקען זייט!

כאָרוס:

די זאָק, די זאָק אויפ'ן לינקען זייט!

פרנץ פאָן פלאַסקעדריגע:

אָ, וואָס זאָל איך טון?!
די זאָק, די זאָק אויפ'ן לינקען זייט!!

כאָרוס:

ניט פערגיסט קיין טרעהרען,
וואָס איז דאָ צו קלערען,
מען דאַרף זי אויסקערען,
אויסקערען, אויסקערען
אויף דער רעכטער זייט!...
זייט, זייט, זייט!...

זרח דער מלמד: תקיעה!... שברים תרועה... תקיעה גדולה...

טודרס: יאָקום בעמבע.

פאָרהאַנג.

צווייטער אקט.

(פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע [illegible] אויס די זאָק אויף דער רעלסער וייס און טוט זי אָן, ציט אַרויף דעם שווערד און קלייבט זיך אין וועג אַריין.)

פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע: צינד מיינע טייערע, מוס איך געהמען פון אייך אַבשיד. הייטע אַבענד איז אונזערע גליקליכע האָכצייט, געה איך אויף די גאַלעווקעס קויפען אַ פאַפירנע מאַנישקע.

טודרס: יאָקום בעמבע.

חאַשע די יתומה: אָ, פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע! מיין טייערער חתן! מיין הערץ ווערט מיר צוריסען, דו געהסט אַוועק!

טודרס: יאָקום בעמבע.

זרח דער מלמד: דו געהסט אַוועק! אָ זאָהן מיינער! פרינץ! —

טודרס: יאָקום בעמבע.

(אין שטוב ברעכט אויס אַ שרעקליכער יאָמער און געוויין.)

פרינץ פון פלאַסקעדריגע (גיט זיך אַ שטעל אַוועק): איך שווער ביי גאָט, אַז נאָך הייטע צו וואַרמעס בין איך מיט מיין פאַירענער מנישקע אַצוריק! איך שווער!

(פרינץ פאָן פליאַסקעדריגע און חאַשע די יתומה זינגען אַ דועט.)

זי: שווער!

ער: איך שווער!

זי: דו שווערסט!

ביידע: מיר שווערען!

פאַר מאָנד און שטערען!

אַניט, — זאָל אונז פערצוקען אַ זשאַבע.

זי: אוי, אוי, אוי און וועי ים

ער: זאָלען עסען אונזערע געדערים.

ביידע: אָי, אָי, אָי! אַי, אַי, אַי!

ראַכע, ראַכע
פֿאַר דער זאַכע!
ווער עס וועט ניט זיין טריי —
ריי, ריי, ריי,
ווער עס וועט ניט טריי זיין —
זיין, זיין, זיין!...
אַ רוח זאָל אין זיין טאַטען אריין!
(פרינץ פֿאָן פלאַסקעדריגע אָב.)

חאַשע: די יתומה (נידערגעשלאָגען) אַוועק... מיין שאַץ מיין ענגעל... אָה! איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען... איך מוז געהן אין בעט און פֿאַלען אין אָהנמאַכט.

(געהט אין בעט, לעגט זיך און פֿאַלט אין אָהנמאַכט.

זרח: איך מוס אויך פֿאַלען אין חלשות. (פֿאַלט אין אָהנמאַכט).

גנענדעל יעליואַכצטע: אין איך אויך! (פֿאַלט אין אָהנמאַכט).

טודרס: יאָקום בעמבע (פֿאַלט אין אָהנמאַכט).

(די גע'חלש'טע זינגען די מאַרסעליעזע אויף די העכסטע טענער).

פֿאָרהאַנג.

צווייטעס בילד.

דער פֿאָרהאַנג וויל זיך גישט אויפֿהויבען, כאָטש גיט אים אַ קרענק מיט דער הילף פֿון עטליכע טעאַטער-פּאַטריאָטען ווערט דער פֿאָרהאַנג ארויפגעשלעפט און עס שטעלט זיך פֿאַר אַ ווילדערניש אויף די נאַ-לעווקעס. עס צים אַ זאַמדיגער מדבר טיידען-חייז. פרינץ פֿאָן פלאַסקעדריגע געהט אַהיים מיט אַ פּאַפּירענער מאַנישקע אין האַנד. פּלוצלונג הערט ער בעפֿאַלען פֿון אַ גאַנצער באַנדע כינעזער-באָקסערען. דער הויפט-העלד פֿון דער באַנדע, אַ כינעזישער באַנדיכאַן מיט'ן נאָמען צים-צע דרים בעפֿאַלט דעם פרינץ פֿאָן פלאַסקעדריגע.

צ י פ-צ ע-ד ר י פ: אַהאַ! אַם ענדע האָב איך דיך געפּאַקט... דו, וועלכער האָסט מ'ין כלה גערויבט, מיין טייערע חאַשע די יתומה, צו וועלכע איך האָב יאָהרען-לאַנג געפּלאַמט מיט אַ העלישער ליבע!... יעצט מוז איך פון דיר ראַכע נעהמען. ראַכע! ראַכע! הוי, חברה! נעהמט איהם אין „פלען"!...

פ ר י נ ץ פאָן פלאַסקעדריגע: אָ, האַבע דאָך מיטלייד גנעדיגער קיטאַיעץ ציפּ-צע-דריפּ!

צ י פ-צ ע-ד ר י פ: קיין מיטלייד!... אָ, איך ווייס שוין אַלעס. מיינע געהיימע אַגענטען האָבען אלעס ערפאַרען. הייטע אַבענד איז דיין האָכצייט, דאָס טראָגסטו אַ פּאַפּירענע מאַנישקע! יעצט מוזטו שטערבען, שטערבען...

פ ר י נ ץ פאָן פלאַסקעדריגע: מיטלייד, מיטלייד, גנעדיגער ציפּ-צע-דריפּ!

צ י פ-צ ע-ד ר י פ: אָ, ניין! שטערבען מוזטו, שטערבען!.. און אפשר?... צוריק גערעדט... מ'נאַ... איך שענק דיר דאָס לעבען... נאָר בתנאי, אַז דו זאָלסט מיר אַוועקגעבען דיין פּאַפּירענע מאַנישקע און געהן אין פלען.

פ ר י נ ץ פאָן פלאַסקעדריגע: אָ, מי'ט'ן גרעסטען הדרת הכבוד.

(עס לויפען צו עטליכע תלמידים מען שמידט אים אין קייטען און מען פיהרט איהם אַוועק געפאַנגען. וועהרענד מען שמידט איהם, זינגט ער אַ ליעד מיט אַ מוסר-השכל):

1.

דער מענש איז געגליכען צו אַ פענכער,
ער בלאָזט זיך און האַלט זיך גרויס.
צום סוף גיט מען איהם אַ שטאָך מיט אַ נאָדעל,
געהט פון איהם דער וואָזדוך אַרויס.
רעפריין: וואָזדוך אַרויס,
וואָזדוך אַרויס.

2.

דער מענש, ער מיינט ער איז אַ גאַנצער קנאַקער,
שטענדיג טוט ער נור שטאָלצירען,
צום סוף געהט, געהט און געהט
און טהוט דעם האַלז-טיכעל פערלירען.
רעפריין: האַלז-טיכעל פערלירען.
האַלז-טיכעל פערלירען.

3.

דערום דאַרף מען נישט שטאָלצירען אַפילו מיט אַ
נאַיערנער מאַנישקע,
און נישט זיין ביי זיך אַ גאַנצער יאַ-טעבעדאַם,
און נישט האָבען אין זינען רק די קישקע —
טאַראַ-באַם, טאַראַ-באַם, טעדי- באַם..
רעפריין: טאַראַראַם טעדיבאָם,
טאַראַראַם טעדיבאָם!..

(דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם).

דריטער אַקט.

(די זעלבע דעקאָראַציע, וואָס אין צווייטען אַקט. אַלע: זרח דער מלמד, זיין ווייב גנענדעל-יעליזאַבעטע, האַשע די יתומה און טודרס דער משרת זיינען נאָך אין אָהנמאַכט. עמיץ קלאַפט אין טיר).

חאַשע די יתומה (וועקט זיך): ווער איז?

ציפּ-צעדריפּ (פון יענער זייט טיר): איך, פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע.

חאַשע די יתומה: אַי, אַי! פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע, ר' זרח! רבי'צין! טודרס! שטעהט אויף גיכער! פרינץ פאָן פליאַסקעדריגע איז געקומען!

(אַלע שטעהען אויף. עס עפענט זיך די טיר און עס קומט אַריין דער

באַגדיכאַן ציפּ-צע-דריפּ).

צ י פּ-צ ע-ד ר י פּ: וואָס קוקט איהר מיך אָן אַזוי? האָט איהר מיך ניט דערקענט? פאַטער! מוטער! דערקענט איהר אייער איינציגען זאָהן פּרינץ פאָן פלאַסקעדריגע?

ט ו ד ר ס: יאָקום בעמבע.

צ י פּ-צ ע-ד ר י פּ: און דו, מיין טייערע כלה, דערקענסט נישט דיין חתן? אַ חאַשע, חאַשע, גוואַלד חאַשע!

ז ר ח: היתכן?

ג נ ע נ ד ע ל: ווייס איך וואָס.

ח אַ ש ע: אָ, ניעמאַלס!

ט ו ד ר ס: יאָקום בעמבע.

צ י פּ-צ ע-ד ר י פּ: אָ, דאָס בין איך אייער זאָהן, פּרינץ פאָן פלאַסקעדריגע, וואָס האָט אייך פערלאָזען מיט אַ האַלבע שעה צוריק און געגאַנגען אויף די נאַלעווקעס קויפען אַ פאַפּירענע מאַנישקע צו מיין גליקליכער האָכצייט מיט אָט דער חאַשע די יתומה. אָט איז זי, די פאַפּירענע מאַנישקע

ז ר ח (דערזעהענדיג די מאַנישקע): אוי, טאַקי דו ביזט מיין זוהן! (קושען זיך).

ג נ ע נ ד ע ל: אָ, ס'איז וואַהר! זאָהן מיינער! זוהנעני (האַלזען זיך).

ח אַ ש ע: אָ, מיין טייערער חתן! מיין ליבער געטרייער פּרינץ פאָן פלאַסקעדריגע! (פאַלט איהם אויפ'ן האַלז).

ט ו ד ר ס: יאָקים בעמבע.

צ י פּ-צ ע-ד ר י פּ: אַצינד, מיינע טייערע, מאַכט זיך גרייט. מיר פאָהרען גלייך נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַ בייזער שונא יאָגט זיך נאָך אונז מיט מיליטער. היידאַ!

אַ ל ע ז י נ ג ע ן:

נעמט צונויף געפעס און גאָפּעל,
מיר פאָהרען נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל,
דאָרטען נעבען דער מוטער ציון וירושלים,
וועלען מיר פּראַווען אונזער חתונה און טרינקען לחיים.

לחיים, לחיים, לחיים.
אַחת ושתים...
ז ר ח: נעהמט יעדער זיין פעקעל,
ג נ ע נ ד ע ל: יעדער זיין זעקעל,
ח אַ ש ע: יעדערער זיין שטעקעל,
ט ו ד ר ס: יעדער זיין פלעקעל,
אַ נ אַ ס אַ מ ב ל: פעקעל, זעקעל, שטעקעל, פלעקעל,
לאָמיר לאַנג ניט שטעהן
און גיכער געהן,
געהן, געהן, געהן!... (בים).
(דער פאָרהאַנג פאַלט ראַש).

פערוואַנדלונג.

(אַ טראָן-זאַל אין פעקין. אין מיטען זאַל שטעהט די כינעזישע באָנדי-אַגיבע ציפע-טשו, אַרומגערינגעלט מיט אַ סוויטע, האַלט אַ ספר תורה, טאַנצט און זינגט).

דאָס יודעל איז דיר אַנ'אַנטיק אַ סחורה,
געגעבען האָט אים גאָט אַ תורה,
די תורה האָט איהם געשענקט דער בורא אַ. ז. וו.
באָרום. דאָפ-טשיק-טשאַק! האָפ-טשיק-טשאַק!...

צ י פ ע-ט ש ו (גיט אַ סיגנאַל, אָנבלאָזענדיג די באַקען און אַ זעץ-געבענדיג מיט דעם רעכטען פויסט אין דער רעכטער באַק, אַזוי, אז עס דערהערט זיך אַ משוגה-מאָדנער קלאַנג: וואַכע, פיהרט אריין די העלדען. (אין טיר באַווייזען זיך די העלדען).

צ י פ ע ט ש ו: (ווינקט מיט אַ פינגער צום טיר) קומט אַריין, העלדען, קומט אַריין, איר זענט דאָס די העלדען, וואָס איהר האָט געפאַנגען דעם פרינץ פאָן פלאַקסעדריגע?

די העלדען (זינגען):

מיר זענען די העלדען, וואָס האָבען דעם
פרינץ פלאַקסעדריגע געטון אַ נעהם,
און געבראַכט אַהער עם (איהם).
מיר האָבען אַ גרויסען שם!
מיר קענען דערלאַנגען אַ פּלעם!
טערע־בעם, טערע־בעם, טערע־בעם! (בים).

(פערלענגען אַ האַנד אויף אַ האַנד אין געהען א רעדעלע).

צ י פּ ע ־ ט ש ו: נו, איצט ברענגט אַריין דעם געפאַנגענעם

(מען פיהרט אריין דעם פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע געשמידט און קייטען).

פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע:

איך בין פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע!
איך קאָן געבען מיט די פיס אַ דריגע!
צורייס איך די קייטען
און איך וועל אייך טויטען,
איך אַליין וועל מיך מאַכען פריי!...
ווייל דער יודישער גאָט איז מיט מיר סיי־ווי סיי.

צ י פּ ע ־ ט ש ו: אַזוי, ביזטו גאָר אַ יוד?

פ ר י נ ץ פאָן פלאַסקעדריגע: געוויס, איך בין אַ יוד און בין שטאָלץ מיט מיין פאָלק ישראל! (צייגט זיין אַרבע כנפות).

צ י פּ ע ־ ט ש ו: אָ, איך בין אייך אַ יודין. מיין מאַן ציפּ־צע־דריפּ האָט מיך נאָך אין דער יוגענד פערפירט און אַהער געבראַכט, מיט מיר חתונה געהאַט און פאַר אַ באַגדיכאַניכע געמאַכט.

פ ר י נ ץ פאָן פלאַסקעדריגע (איבערראַשט): ציפּ־צע־דריפּ. אָ, דער דיעב איז אייך אונטריי, ער האָט דאָס מיך אין פלען גענומען און אַליין איז ער אַוועק חתונה האָבען מיט מיין טייערע כלה חאַשע די יתומה. (וויינט).

צ י פּ ע ־ ט ש ו: וועה, איז מיר, יעצט בין איך אַ וויסטע עגונה געבליבען! (ביידע וויינען) נאַ, דאָ האָסטו אַ מיליאָן קראָן און צוויי פאָלק חיל, קום לאָמיר אים

געפינען, דעם באַנדיט און נעהמען ראַכע!
אַ ל ע: ראַכע! ראַכע! הורראַ!

פאָרהאַנג.

פיערטער אקט.

אַ חתונה־זאַל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זרח דער מלמד און זיין ווייב גנענדעל־יעליזאַבעטע פירען ביי דער בעגלייטונג פון נראַמאָפאָן = מוזיק צו דער חופה חאַשע די יתומה. אונטער אַ זיידענער חופה אויף פערלמוטער־שטאַנגען שטעהט דער כינעזישער באָנדיטאַן ציפּ־צע־דריפּ און גאַרט אויף דעם מסדר־קדושין. טודרס טאַנצט און זינגט:
„יאָקום־בעמבע! יאָקום־בעמבע!"
דער עולם פּאַטשט מיט די הענד; פלוצלינג דערהערט זיך אַ טראָמפּייטשאַלען. די טיר פראַלט זיך אויף און עס קומט אַן פרינץ פליאַסקעדריגע, די באָנדיטאַניכע ציפּע־טשו מיט מיליטער.)

פ ר י נ ץ פאָן פלאַסקעדריגע: אָ, דאָס ביזטו! דו פערפלוכטער ציפּ־צע־דריפּ! דו האָסט מיין מאַנישקע גערויבט און מיין כלה, חאַשע'ן, אויסגענאַרט, יעצט מוזען מיר זיך אויף אַ דועל שלאָגען! נעהמען אַרויס די שווערדען און פעכטען זיך, עס הערט זיך אַ קלאַפּערייַ פון שפּעגער, ציפּ־צע־דריפּ (פאַלט טויט).

ג נ ע נ ד ע ל ־יעליזאַבעטע: אוי ווע, סאַר'אַן אימה סאַר'אַ שרעק! (פאַלט טויט).

ט ו ד ר ס: יאָקום בעמבע.

ז ר ח דער מלמד: אָ, וואו נעמט מען יעצט יאָשע־יודע דעם פעלדשער! אָט איז ער!

י אָ ש ע־י ו ד ע: גוט געזיבענד, מזל טוב, מזל־טוב!

ט ו ד ר ס: יאָקום בעמבע,

ז ר ח: אָ, ר' יאָשע־יודע, גאָט האָט אייך אַהער געשיקט, העלפט אונז.

יאַשע־יודע גיט אַ שנעל געענדעל־יעליזאַבעטעץ אין דינקען גאַז־לעכעל און זי ווערט לעבעדיג): שוין גוט.

אַלע: אַ דאַנק אייך, יאַשע־יודע! גאָטס וואונדער, דאַרפט איהר גאָר אָנשפאַרען אַוש קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

יאַשע־יודע: יאָ, מיינע פריינד, אַט אַזוי ווי איר זעהט, געה איך אַרום פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט. דאָס זוך איך מיינע צוויי טעכטער, וועלכע זענען מיר פערלאָרען געוואָרען אין דער יוגענד. איינע האָט ביי מיר אַ כינעזישער באַגדיכאַן גערויבט און די אַנדערע האָב איך אַליין אונטער אַ שטאָל אונטערגע־וואָפען.

אַלע: און ווי האָבען זיי געהייסען, אייערע צוויי טעכטער.

יאַשע־יודע: איינע האָט געהייסען ציפּע די באַג־דיכאַניכע און די אַנדערע האָט געהייסען חאַשע די יתומה.

ציפּע די באַגדיכאַניכע: אָ, פאַטער, אָ, שוועסטער חאַשע!

טודרס: יאָקום בעמבע!

חאַשע די יתומה: אָ, פאַטער, אָ, שוועסטער ציפּע!

טודרס: יאָקום בעמבע!

יאַשע־יודע: אָ, אָ, מיינע קינדער, ציפּע! חאַשע!

טודרס: יאָקום בעמבע!

פאָרהאַנג.

פערוואַנדלונג.

(אַ פּאַלאַסט אין ניו־יאָרק).

(שמחה וששון. מען פיהרט דעם פּרינץ פאַן פלאַסקעדרינגע מיט חאַ־שע'ן צו דער חופה. דער גראַמאָפאָן שפּיעלט „עוד לא אבדה“. זרת

מ׳ט טודרס׳ן טאַנצען אַ „קעק־האָק״ און דער עולם זינגט):

גרויס איז די מאַכט פֿון שונד!
וואָס אַ קינסטלער קאָן בעווייזען
איז טאַקי וואונדער,
אבער וואָס אַ פאַרטאַטש קען אויפֿטון
איז טאַקי אין לשער.

פּאָעזיע און גראַמאַטיק

ווי ס'ווערען לידער פערפאסט...

א דיכטער-רעצעפט.

(נאָך יהואָש).

מיך האָט אַ לאַטוטניק אָ שניידער געפרעגט
דעם שכל פון ליד-מאַכעריי?—
ווי פאַסט עס און קלעפט זיך,
ווי וועבט זיך און שטעפט זיך,
און ס'פאָרט זיך צוזאַמען
די ווערטער, די גראַמען
און יעדער קופּלעט
ווערט קונציג געטאָטשעט
אין סטריגעס, אין נעט,
געטרעיט און געמאָטשעט,
געפרעסט און געגלעט—
ביז אַלסדינג אינאיינעם בעשאַפען
אַ דיכטערשע שטיקעל מלאכה?...

איך ווייס נישט—האָב איך איהם ערקלערט—
דעם קונץ וואָס עס שטעקט דאָ דערין
ביי דעם, ווען מען גאָט האָט בעשערט
מיט שׂכל, געפיהל און זין...
איך ווייס נאָר, ווען דו ביזט קיין בעטאַך,
ווערסטו די מלאכה שוין קענען,
און כאַפּען דעם שניטעל דעם רעכטען,
ווי ווערטער אין גראַמען צו פלעכטען,
ווי נאָטע צו גראַמען מיט ליאָטע,
קאַפּאָט — מיט מאָטע און בלאָטע;
און שרייבען און מעקען און קלעקען,
ביז ס'הייבט אָן צו הודושען און שרעקען,
און קלאַפּען, ווי אַרבעס אין בעקען,—
ביז יענער, וואָס לייענט, וועט מיינען,
אַז דו ביזט פון גאָט אַ פּאָעט.
דו קאָנסט זיך אויך דבקה'ן און גלאָצען די אויגען—
אַ גרויסער פּאָעט מוז זיך קנייטשען און בויגען.
און זיין מעוברת
מיט סודות, אַ מורא
און בעקען און ווינקען
פערבאָרגענע תורה,
און פינטעלעך שיטען מיט זונען—
דאָס הייסט: דו ביזט טיף, ווי אַ ברונען,
און הויך איז דיין דיכטערשער פליה;
און ווי אומגעלומפּערט דער איז,
דאָך מיינען די לייט, אַז ביי דיר איז
די אמת'ע קונסט-פּאָעזי.

אָט לאָזט אָהן גראַמען אויף פעלדער און וועלדער זיך ציהען
די שורות.

און צימבעלסט פֿון „תּפֿלות‟, פֿון היץ און פֿון קעלט און
„פערצן פֿילטע לענדער‟,
פראַגמענטען, גאָקטיורען, פּאָעמען און ציקלען צושמירט
אויף טאַבֿטורעס,
לעגענדען פֿון „שווינדזוכט‟, פֿון אַרבעס און באָב און
צוקנייטשטען צינלינדער,
פֿון רויזען פֿון שוואַרצע, געשפּענסטער אין בלאָהען פּער-
כּשופֿ׳טען גענייץ,
חלומות, פּזמונות פֿון נעכטיגע טעג אָהן אַ סוף, אָהן אַ גרענייץ.

אָט לאָזט גאָר פּלוצלינג אַרויס אַ געוויטער,
כּדומה, אַ נביא, אַ קעמפּער, אַ ריטער,
און הורזשעפּסט, און פּודזשעסט, אַז ס׳נעהמט אָן
אַ ציטער
און בלאָזט ווי אַ מזיק, און פּויקסט אין אַ טאַזיק,
און שיסט פֿון אַ בעזים מיט טערקישע פּילען,
וואָס האַקען און קנאַקען מיט ליאַרם און פּילען
דעם אַויר מיט רויך און מיט פּראַזען אַ סך,
מיט תּהו ובהו און טאַך-טאַ-ראַ-ראַך...
טעמעס האָסטו אָהן אַ שיעור,
רייבסט און מאַכסט פֿון אַלץ אַ שיר:
פֿון כּפּרות, הליאַק און דאַשיק,
רמב״ם, וואַשינגטאָן און קאָטער,
גלות, נאַכטיגאַל און זאַשיק,
טאַראַקאַן און פּיפּערנאָטער,
פֿון פּרוכת ווערט אַ הייבעל,
פֿון אַ מאַנטביל ווערט אַ ווייבעל,
ווערסט בעגייסטערט פֿון דער תּורה,
וויינאַכט, צלם און מנורה,
רעגענבויגען און מצורה,
יודענטום איז אויך אַ סחורה.

אתרוג, אַרבייטער און זאָקען,
ליולקע־ציבעק, קלויסטער־גלאָקען...
בעהכּסט פון אַלץ אַ טיפען משל—
טאָרבע־פּלעקער, יויך און ראָסעל;
רב און בעדער, יון, טערק—
מבֿכסט פון אַלץ אַ ווערק...

אָפטמאָל פּלעכסטו דיינע גראַמען
כּלומר׳שט פון די ליבע־פלאַמען:
פון די שולטער ווי די לינדען,
בריסט ווי איילבירטען און אינדען,
פון אַ לילית ווילדען כאָר;
ווייכען שויס און רונדע לענדען,
פיס און בוזעם צום פערבלענדען.
שלאַנגען־צעפּ און פּאַוועס־האָר,
קושען, שלינגען, אָרעמס־רינגען...
כמיין, למאי די גויים זינגען
אויך לכבוד גאָט אַמאָר...

קאָנסט זינגען פון טיפען און וויזען,
פון בלימעל און בלאַט
און פרעג דיך בחרם, פון דיזען
דעם פשט.

דו הערסט: די וואָראָנע זאָגט מודים,
די קראָפּיווע בליהט,
עס פּרילערט די זשאַבע אין בוידעם
איהר ליד.

די סירענע מוז זיצן זודאי
און האַנדעלט מיט פיש,
אַ טוקערין איז די נאַיאַדע
געוויס.

די רויז איז אַ מין קוקורוזע,
די ליליע—אַ קראָפּ,
פּעגאַזוס — ער רייט אויף אַ מוזע
גאַלאָפּ.
און נימפען, ציטראָנען און צעדער
און פאַן און זעפיר,—
וואָס איז דאָס? אַ דאגה, ווער פרעגט דע
ביי דיר?

ס'איז אויך נישט נויטיג אויפצופּאַסען
שטענדיג אייגענס צו פערפאַסען;
ס'שאַדט ניט אויך פון פרעמדענס נאַשען,
פרעמדע שורות צו פער'קנס'ען,
קלעפּען זיי ביינאַנד.
קלעפּען, שלעפּען, לאַטען, קלייבען,
איבערניצען, איבערשרייבען
דעמ'ס אַ טענה, יענעמ'ס מענה,
יענעמ'ס פּסוק, דעמ'ס אַ דרשה,
יתור, הפקר, מיינע—דיינע...
גנבה, זאָגסטו? עך, נישקשה!
צווישען אייגענע וועט בלייבען,-
כ'לעבען, ס'איז קיין שאַנד...
און קאָנסטו די שטעך נאָך מאַכען קלענער,
ביזטו גאָר אַ גרויסער קענער!
און ביזט זיכער, ס'וועט ניט יענער
כאַפּען ביי דער האַנד...

פֿערנומען האָט מיין גייסט,
וואָס איך האָב איהם גערעדט,
אַוועק אַהיים און איז —
געוואָרען אַ פּאָעט.

אָנשטאָט די שער־אַ פּען,
פּאַפּיר און טינט אַ פלאַש.
אָנשטאָט דעם שניידער־טיש —
האָט דעם פּעגאַז און פּאַרנאַס...

ליריק.

(נאָך מאָריס ראָזענפעלד און מאָריס ווינטשעווסקי).

דער בלייכער אָפּרייטער אין שאַפּ נאָר ער זיצט
און נייט אויף דער זינגער-מאַשינע און שוויצט.
און וואָס ער פערדינט—איז ח״י פּייף סערעבראָם:
אַ זיבען דאָלאַרעס מיט סענטעס אַ וואָך...
היינט געה ווייס אַ פריהער, צי צאָהלען אין קראָם,
צי צאָהלען דערפון פאַר אַ דירה—אַ לאָך.

איצט רעכענט-זשע ווייטער: בעהייצונג און גאַז—
געשוואָלען זאָל ווערען דער באָס, ווי אַ פאַס,
אַוועק זאָל דער לומפּיגער געלד-זאַק מיט רויך!
ווי ער טוט דאָס דעם אַרבייטער שטענדיג אין ביין;
עס זאָל זיך אַ מכּה איהם זעצען אין בויך,
אוי, רייסען זאָל ער זיך, הלואי, אויף די צייהן!

היינט שיך אין צוריסענע קאָן מען דען געהן?
א קוואַדער*) אַ לאַטקע! נו, זאָגט-זשע אַליין.

אַ יקרות!—כאָטש דינג זיך אַ טאָג מיט אַ נאַכט.
אַ ניקעל*) אַ הערינג און דאָס אויך נישט פריש:
און ברויט אַלט-געבאַקען, וואָס ליגט אַ טאָג אַכט,
און ווער רעדט נאָך פוטער אַ שטיקעל—פש, פש!...

אַ לעבען אויף טראַסצעס! קיין סענט נישט אין טייסטער!
אַ הדוש! אַז בעריל פאַרכוטש איז דיין מייסטער!
בעריל פאַרכוטש! ווי ער קייט דאָס אַריין!
און דו דאַרפסט נאָר גריזשען פון אַ הערינג אַן עק;
ער עסט זיך פיראָזשנעס, פערטרינקט זיך מיט ווײַן
און דיר בלייבט נאָר איבער אַ לעק און אַ שמעק.

דאַרום אָ, דו אַרבייטער, זיי נישט קיין פעטאַך!
נישט ליג ווי אַ וואָרעם בעגראָבען אין רעטאַך!
ערוואַך פון דיין דרימעל און זיי נישט קיין באָק!
און לאָז זיך נישט פיהרען אין בעדיל אַריין!
דו הער זיי, די קאַפּיטאַליסטען, אין טראָק—
אַ סוף צו דער קנעכטשאַפט! אַ סוף זאָל עס זיין!!!

*) 5 ס.

משאָ־טעאַטער.

(נאָך ביאַליק).

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
שמיעד-אויס אַ האַרץ פון האָלץ און היי,
פיל-אָן דיין קאָפּ מיט מאָך און שטרוי, —
אין יודישען טעאַטער געה...
און זעץ זיך ברייט אַוועקעט דאָרט,
און דוקא אויף אַ פרעמדען אָרט...
און טאָמער זאָגט מען דיר אַ וואָרט:
דו האָסט פערנומען יענעמס פּלאַץ,
טאָ הער איהם דאָרטען ווי די קאַץ...
און טאָמער ט'יענער זיך באַוועהרען
און זיך נישט לאָזען, וועלען שטערען,
טאָ האָב קיין מורא, ס'וועט נישט שאַטען;
דו מאַך איהם הויך: „אין טאַטענס טאַטען“ —
אַזוי, אַז אַלע זאָלען הערען,
און זאָג: „איך האָב דיך אין דער ערד!“
און בלייב זיך זיצען אונגעשטערט.

איך האָב געפּאָלגט און בין געגאַנגען.
מײַן װעג איז פול געװוען מיט קיפּעס
פון שאָלעכץ, מיסט און ניס־סקאָרלופּעס...
איך האָב פערנומען װילדע קלאַנגען:
מיליאָטע!... הוי... שוין צייט!... באַדאַנע!...
אַ קרענק דיר!... בראַװאָ! ביס!... קורנאָסע!...
װאו ביסטו?!... שאַ!... אוי, שלעפּעטראַנע!...
מײַן פּוס!... אוי, שטילער!... משה־יאָשע!...

איך האָב געשפּרייזט װי אין אַ שלאַכט,
מײַן רוקען פּאַר אַ ציל געמאַכט
פּאַר סעמעטשקעס, טאַראַן און ניס
און ביינדלעך פון געהאַקטע פיש,
װאָס האָבען באָמבאַרדירט אַרום
און מיך געמאַכט שיער פּאַר אַ מום...

און לאַנג בין איך אַרומגעקראָכן,
און האָב געטון מיט גבורה שטרייטען,
און מײַנע עלענבויגענס־קנאָכען
געלאָזען פּריי אין פרעמדע זייטען.—
איך האָב מײַן פּלאַץ שוין אין דער האַנד!
נאָר מיך בעגעגענט האָט אַ װאַנד!
אוי װעה! אַ װאַנד פון לענד און רוקען,
פון פּלייצעס, היט און אַחורים
פערשטעלט האָט מיר צו זעהן און קוקען
און פינסטער ז'מיר װי אין מצרים...
איך האָב געבעטען זיך מיט האַרץ:
אוי, זעצט זיך, גװאַלד, איהר מאַכט מיר שװאַרץ.
עס שטעהט פּאַר מיר אַ שװאַרצע נאַכט.
נאָר מיך בעגעגענט שפּאָט און שאַנד;
מײַן תּפילה האָט געהערט „די װאַנד”,
און מײַן געבעט איז אויסגעלאַכט...

טאָ ווייסט, איהר אומגליקליכע, ווייסט,
איהר ווילט נישט פאָלגען, וואָס מען הייסט,
און ווילט נור אין צו-להכעיס געהן, —
טאָ ווייסט, דער סוף וועט זיין נישט שען!
איך בין קיין לעקיש נישט, געוויס!
איך בין געבענשט פון גאָט מיט פיס.
ווען איהר וועט זיצען, וועל איך שטעהן!
ווען איהר וועט שטעהן, בין איך נאָך העכער!
און זענט איהר הויך, בין איך נאָך פרעכער!
און קריך אַרויף מיר אויפ'ן באַנק,
און ציה זיך אויס, ווי איך בין לאַנג,
מיט הענד און פיס, מיט האַק און פאַק, —
איך מוז דאָך הערען דאָס געזאַנג,
און מוז דאָך זעהען דעם „ספעקטאַק".

איך האָב געזעהן... אָ, גאָט אין הימעל!
פאַרוואָס האָסטו מיך נישט פערבלענדט?
פאַרוואָס האָסטו דעם קינסטלער-רומעל
נישט אָבגעהאַקט די פיס און הענד?
פאַרוואָס האָט דער אַנטרעפּרעניאָר
און דער אַקטיאָר און דער פערפאַסער,
אָ, נישט געטרונקען רויע וואַסער
אין דעם כאָליערעדיגען יאָהר?
פאַרוואָס איז אָט די גאַנצע ביהנע,
אָ, נישט געוועזען אין מעסינע,
נישט גאַסטראָלירט צומאָל אין כינע,
ווען די טשומאַ געווען איז דאָרט?...

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
דו מאַך אַ האַרץ און וויי‏טער שטעה.
און האָב געדולד, נישט פייף, נישט שריי,
און ווער אַנשטומט, פערליר קיין וואָרט,

און שווייג און זיי אַ שטומער עדות,
און זעה דעם טעמפעל, קונסט-סאַראַי,
וואו דיינע ברידער, שוועסטער, זיידעס
און מענער, ווייבער, זיהן און טאַטעס
פערווײילען זיך מיט ווילדע שמאַטעס,
מיט שמוץ און מיסט און חזיר׳יי...
דו זעהסט, וואָס שימעל — גאַנצע תהום׳ען!
דו הערסט: אַ טערק זינגט הללויה׳ס
און מיט הקפות געהען גוי׳עס
און מאַכען גרויס אין מיסט מיין נאָמען...
אָט איז אַ „גוטער יוד״, וואָס שמד׳ט זיך
אַ גראַף, אַ גענעראַל, וואָס קראַצט זיך,
אַ רב, וואָס שיסט פון אַ פיסטאָל,
אַ טאָטער דאַוונט מיט כונה,
אַ ציג זינגט: אַתּה בחרתּנו,
און פרייזט דאָס ליבע פאָלק ישראל...

קוק ווייטער, זעהסט דעם פעקעל האָנצען,
כאָריסטען מיט די זשאַבע-שטימען,
מיט ווילדע קיקעמאָרע-גרימען,
וואָס קלעפען אונטער אויג די וואָנצען...
מיט קלאָטשע פאות, בערד, וואָס שטעקען
ווי אויסגעקראָכען קליאַטשע-עקען...
און פרימאַדאָנעס ערשט פון קיך,
און טראַגיקער, וואָס נעהען שיך
און זינגען גבול-פּה-קופליעטען
מיט טענץ און קונץ-שטיק אומגעלומפערט.
דו זעהסט, אָט דאָרט ביי אַ סוברעטין
אַ ברעג פון מייטקע איז פערכליומפערט,
אַ הויז ביים „סטאַר״ איז נישט פערריכט...
צו וואָס פערשטעלסטו דיין געזיכט?

וואָס איז, בן-אָדם? טוסט זיך שעמען?
די שאַנד איז גרויס? עס טוט דיר קלעמען?
אָ, קוק, נישט לאָז אַראָב די ברעמען.
און קוק, אַהינצו, צום גאַליאָרקע,
דאָרט זיצט אַ טודרוס, שמערקע, שרקה,
סאָ וואָס-זשע איז מיט זיי דער יחוס?
אָ קוק: זיי שפּייען אויף די פּליכעס
און העלפען שרייען, זינגען, בלאָזען,
און מאַכען ווילדע שטיק און תנועות;
און מיט דעם בייזען טראַגיק לאָזען
זיי זיך אַריין גאָר אין אַ שמועס!
אָ, ווער צו זיי, די בעלי-עגלות,
זיי האָבען זיך צוביטען ראָליעס!...

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
דו געה אין מאַרק און קויף אַנ׳איי,
און זעה די איי זאָל זיין נישט פריש,
און שמייס איהר אויף דער ביהנע, שיס,
און גיב אַ פייף און זאָג דערביי
שטאַרק הויך, אַז אַלע זאָלען הערען:
—אַזוי זאָלסטו צובראָכען ווערען!...

אידיליע.

(פון אַ היינטמאָדישער יודישער טאָכטער).

פריי נאָך דוד איינהאָרן.

איך וויל, אַז מיין ליבע זאָל ווערען געשלאָסען
אויף איינעם פון יענע בעלעבאַטע בולוואַרען,
דאָרט, וואו אָפיצערען, סטודענטען, גוסאַרען
מיט דאַמען און פריילייגס געאָרעמט שפּאַצירען...
און זאָלען די חבר׳טעס מיינע קרעפּירען,
און זאָלען זיי הערען, פערנעהמען די קלאַנגען
פון קושען, וואָס וועלען צום הימעל דערלאַנגען;
און זאָלען זיי ווערען צופּוכניעט, צוקרענקטע,
און קוקען צו יענעם מיט אויגען פערבענקטע,
צו דעם, ווער סט׳מיר שענקען זיי׳ן ליבע.

און ווען איך וועל געהן מיט מיין ליבסטען שפּאַצירען,
זאָל אונז נישט בעגלייטען דער מאַמעס אַ שומר, —
נאָר שטיל, אין פערבאָרגענע שאָטענס פון בוימער,
וואו שווערען אין ליבע אין אייביגע וועט ער,
זאָל ער מיר דאַן קיכלען מיט „טיד", „גאַלאַפּעטער",
און שעפּטשען מיר מעשה׳לעך אינטערעסאַנטע
פון „פּאַרס" און „שאַנטאַן" אַנעקדאָטען פּיקאַנטע,
וואָס זאָל אין אַ חלום אַ זיסען פּערוויגען,
פון אַ „פרייע" און גליקליכע ליבע...

און זאָל זיין מיין ליבסטער אַנ׳עכטער ברונעטל,
מיט וואָנסען געדרעטעלטע אַ-לאַ קאָרנעט׳ל;
אין הויזען אין בלויע, ווי אין פריהלינג דער הימעל,
און קנעפּלעך, אוי קנעפּלעך, וואָס בלאַנקען ווי זונען;
וואָס זינגט נאָר ראָמאַנסען פון ליבע געשפּונען,
און רעדט נאָר פון צירק, אילוזיאָן און טעאַטער,
פון סאַנין, פּאָרעל, פּאָמפּאַדור, פּאַדיקאַטער
און שיט סערפּענטין, קאָנפעטי און „לעטוטשקעס״,
וואָס פּאַלען, וואָס פּאַלען פון ליבע.

און זיין, וויל איך, זאָל ער אַ זוהן, נאָר פון יענע,
וואָס לאָזען קיין יוד אויפ׳ן שוועל נישט חלילה,
וואָס זענען בעפריינדט נאָר מיט נאָבעלע, בראַווע:
די שרייבער פון פּאָסט און מעשטשאַנסקע אופראַווע,
און גריסען זיך מיט׳ן אַקציזניק אפילו.
און האָבען אַ מאַמע זאָל ער אַ גראַנד-דאַמע,
מיט ליפּען, וואָס שעפּטשען פון מאָדע און דראַמע,
און הענד, וועלכע האלטען אין צערטלען און גלעטען
אַ קאַץ אויפ׳ן שויס אַ מאָכנאַטע, מורזאַטע,
מיט הייליגער, הייליגער ליבע.

און דאָרט אין אַ זאַל פון וואָיענע סאָבראַניע
זאָל זיין מיט פּאַראַד און מיט שיק די „רענטשאַניע״,
מיט הערן אין פראַקען, מונדירען און ליענטעס,
און דאַמען אין „טאָק״, „שאַנטעקליער״ און אין „פּענטעס״.
עס זאָל אונז פּאָזדראַווען אַנטאָן שכור׳יילאָ,
גאַברילאָ דער פעלדשער, איוואַן וויפּיווילאָ.
און מוטיג געאָרעמט זאָל איך מיט מיין ליבסטען
פּאַר געסט זיי עמפּפאַנגען, כל-זמן עס וועט ברענען
צום טרונק זייער הייליגע ליבע.

הייאַוואַטהאַ.

אַן אינדיאַנישע פּאָעמע איבערזעצט פון ענגליש=אינדיאַניש אויף טערקיש־האָטענטאָטיש מיט יידישע בוכשטאַבן דורך י ה ו א ש.

פּ ר אָ ל אָ ג.

פונם לאַנד פון די אָבזשיבוויס
טעוועסהענטע און דעקטאָהאַס,
אויף די פּריירי־בערג, די רויטע,
ביי דעם טהאָל פון טעוועסענטהע
איז געשטאַנען מאָשע-קיוויס
אָנגעטהון אין וועמפּעל־גאַרטעל,
פּעל פון רענטהירען און בערען,
פּיפּערנאָטערס, אָקון, באַק-פּיש,
גיזיס, וועווערקע און כאַהווע,
און געוועזעלטע קאַראַסן, —
הערמעלין און באָברע-פּעלצן
און אָנגעפּילט די שלום-לולקע
פון א גרויסען אַטער-בייטל
מיט טיטון פון דרום־לענדער,
דורכגעמישט מיט ווערבע־שאָלעכץ
און געריבערט און געזונגען
הויך דאָס ליד פון הייאַוואַטהאַ.

דאָס געיעג אויף פּאַק־פּאָק־קיוויס.

כעס געפּיהלט האָט הייאַוואַטהאַ
אויף דעם כיטרען פּאַק־פּאָק־קיוויס
פאַר דער טערקיש-איבערזעצונג,

וואָס ער האָט אים צוקאַליעטשעט.
אָ, דאָס ליד פון חיאַוואַטהאַ,
און געכאַפּט האָט ער מיט כיטראָסט
אַלע שווערע ווערטער-פּלעקער
און די סענקעוואַטע דרענגער
פון די פּריירי-וועלדער רויטע
און צושפּאָלטן אים דעם מוח,
און גערופן: דו פּאַרטאַטשי!
חייס, אַז איך בין הייאַוואַטהאַ?

רויִמישע מאָטיִוון

פון אורי צבי גרינבערג.

דו פרעגסט מיִך:
פון וואַנען נעמען זיִך צו מיִר
דיִ רוימיִשע מאָטיִוון
אין מיין דיִכטונג?
הער אויס:
פאַראַן אַ מכה הייסט זיִ: דירה־מאַנגל...
אין דיִ קאַלטע ווינטער־נעכט
איז ביִטער, אָבער טאַקי כדבעי שלעכט,
עס שיִקט מיִר קיינער פון מרחקים
קיין ממתקים.
אין דיִ כרכים
זענען אַלע טויערן געשלאָסן
און אַלע גאָרטן־סקווערן זענען צו,
און דיִ מיִליִציאַנטן לאָזן ניִשט צו־רו,
און יעדער הויז־וויִרט איז אַ צערבער,
און יעדע בעל־הביתטע — לילית.
און לאָז זיִך דאַכטן דיִר:
אַ הונט גייט אויף דיִ גאַס,
אַ הונט גייט אויף דיִ גאַס.

און ווער איז שולדיק וואָס דאָס בייטל מיינס
איז פוסט און וויִסט און לער?

און ווער
איז דער,
וואָס זיצט אין מיינע קעשענעס און פּייפּט?
דאָס איז דאָך ער
מעפּיסטאָ!...
און ווער איז שולדיק, וואָס איך האָב ניט
אויף קיין דירה?
פאַר מיינע נעכט און שעהן וויסטע?—
ער מעפּיסטאָ!...

און ווער איז שולדיק, וואָס איך בין
אַזוי וועש-וואַרימדיק באַדערפטיק?
און ווער איז שולדיק, וואָס מיין זומער-מאַנטל
איז אַ שמאַטע,
גאָר אָן וואַטע,
און איז צולעכערט ווי אַ שווייצער-קעז?
און ווער איז שולדיג, וואָס סקאַרפּעטן
קאָסטן אַזוי טייער?
און וואָס קאַלאָשן ברענען גהינום׳ס-פייער?
און מיינע פיס געשוואָלן זיינען
ווי קאַרטאָפל?—
ער דער ס״ם, בעל-דבר
מעפּיסטאָפל!...

דאַן גיי איך אין דער שוויץ-באָד
אין דער רוימישער.
זי איז געעפנט אויף אַ גאַנצע נאַכט,
גאַנצע נאַכט!
אַ שטראַל אין אונזער דירה-לאָזיקייט,
אַ פונק אין אונזער היינטיש נע-ונד-זיין.

איך גיי אין באָד!...
כ׳פאַרקלויב זיך אויף דער הייסער און מתיקות׳דיקער
באַנק דער אויבערשטער און פֿיל מיט שלוה
און טראַכט:
איך בין אַן׳אויבער-מענטש, בש, פש!
דער דיכטער-העלד אויף דעם פּאַרנאַס!
איך חלום:
אָט שטייט דער רויט-געבויטער וואַסער,
מיט זיין סודות׳דיק פאַרהילטער ערוה
בייזער פּאַטום מיט זיין בעזים!
אפשר גאָר אַפּאָלאָ מיט וויין לירע?
און אפשר צעזאַר מיט זיין לאָרבער-קראַנץ?
עי! צעזאַר!... פאַרע!...

Per Heis Pare, et Hite Pare!

און ווער טויכט דאָרט אַרויס פון שאַמפּום-וואַנע?
אָ! ווענוס!
ווענוס אין אַ מאַנספאַרשוין געשטאַלט!
ווענוס אַ באַבערדלדיקע רונד געשוירן.
און מיט אַ האַנטוך אויף די תאוה-לענדן.
ער גייט פֿון וואַסער אויף
פון שוים געבוירן...

רוימער! רוימער!... שטאָלץ שפּאַצירן זיי
געהילט אין טאָגן.
און אויף די מאַרמאָר-בענק פּאַטריציער
רוען כּרונקען נעקטאַר-טיי,
און איבער זיי געבויגן
שטייען די פּלעבייען-קנעכט
און שטעלן טרוקענע זיי באַנקעס
און נאַסע אויך.

און שלאָגן זיי צום אָדער...
און שניידן זיי די הינער-אויגן אויס...
אַז ס׳גייט אַ רויך.

אָ, רוים! אָ גרויסע רוים!
אַ גאַנצע נאַכט זע איך דיך בהקיצדיג און טרוים!
ביז מאָרגנס, ווען דער שומר
רופט די רוימער:
— אויפשטיין! צייט אַהיים!

דו פרעגסט מיך:
פון וואַנען נעמען זיך צו מיר
די רוימישע מאָטיוון
און מיין דיכטונג?
פון שוויץ-באָד, ברידער,
פון דער רוימישער...

פּאַר נייגעריקע

נאָך ישראל שטערן.

ווער עס פרעגט מיך
ווער איך בין —
דעם שיק איך אָפּ
צו מיינע מענטריקעס.
ווער עס פרעגט מיך,
וואו קאָן מען עסן אַ גוטן מיטאָג,
דעם שיק איך אָפּ
צו די קעלנער
אויף דלוגאַ גאַס.
און ווער עס פרעגט מיך,
וו מען קאָן אויסשניידן
הינער-אויגן,
דעם שיק איך אָב אויף שליסקע 30
מעשקאַניע—
ווייס איך נישט.
מען
קאָן
פרעגן
ביים
סטרוזש
— — — —
עס מאַכט זיך גע'פגרט
דאס פערד,

און אפשר איז עס באמת געפּגרט
אַ געפּגרטע פערד?
און אפשר איז עס גישט קיין פערד,
נאָר אַ קליאַטשע?
און אָפשר ביידע צוזאַמען?—
אַ פערד—אַ קליאַטשע!
— — — — —
שטיל—שטיל.
אַ לאָמפּ—
אַ טשוואָק—
אַ לאָקשנברעט—
אַ באַק־צאָן—
שטיל—שטיל.
אַ קנעפּל —
אַ מאַטראַץ—
אַ יאַרמולקע—
אַ וועלאָסיפּעד—
שטיל—שטיל.
דער טראַמוואַי קלינגט.
דער האַנדליאַרזש שריים.
ערגעץ שלאָגט מען אויס אַ קאָלדרע.
אַ וואַטאָווע קאָלדרע
שטיל—שטיל
— — — —
ווער עס וויל וויסן,
ווי מען שרייבט אַזאַ פּאָעזיע—
דעם שיק איך אָב
צו מיינע שירים.

האַראַמידער. *)

פון פרץ מאַרקיש.

טררר — טררררר!..
בו-או-או! או-או-או!
הו—הו—הו!..
טויזנט מיליאָן שטורם-ווינטן,
טייפונען,
און סאַמומען און ווי‏כערס,
און האַראַמידערס,
און סתם זאַוויערוכעס,
בלאָזן ווי די רוחות
אין אַ לעפל וואַסער.
או-או-או!
בו-בו-או!..
קנאַלן, פאַלן, פראַלן,
פאַלן, קנאַלן, שאַלן —
קראַך!
קראַך, קראַך, קראַך!
טאַך טא-רא-ראַך.
האָ-האָ! האַ-האַ!
האָ-האָ! האַ-האַ!
רבונו של עולם, הוראַ!

איך קען אומוואַרפן
אַ דריי־גאָרנדיקן מויער —
בלאָז מיר אָן די באַקן.

---

*) ס'איז רעכט צום דאָס דאָזיקע ליד צו לעזן ביי דער באַגלייטונג פון אַ לאָקאָמאָטיוו-פייפער, 5 טראָמבאָנען, 7 גרעגערס און אַ דזשאַז-באַנד.

עץ איך מיט די פויסטן,
הויבט עס אָן צו קוואַקן,
מאַכט עס — בוף!
מאַכט עס — פוך!
פאַלן בערג איין פון מיין בלאָז,
פאַלט איין אַ קאַזאַרמע.

איך בין אַ יאַט!
האָ!־האָ!
קויפט מיין מאַמע גרויפן
אין געוועלב,
צי פאַסאָליעס, רייז,
צי הירזש,
שיט איך אויס די גרויפן
מיט דעם רייז,
מיט דעם הירזש,
אין אַלע עקן וועלט.
הפקר! הפקר! הפקר!
איך דאַרף קיין מאַמע,
איך דאַרף קיין גרויפן,
איך דאַרף קיין רייז
און קיין פאַסאָליעס,
איך דאַרף קיין הירזש,
איך וויל בעסער הירזשען ווי אַ פערד
און איך!
איך בלאָז אָן מיין פאַפירן־בייטל,
גיב אַ קנאַק,
מאַכט עס פוך,
מאַכט עס באַך,
פאַרשווינדט די „קאָלאָקאָלניע“
באַלד אויף סאַסקי־פלאַץ.

איך לויף!
דאָח העמר צוכראַסטיעט,
די פליודערלעך מחילת
אויפגעשפילעט —
און איך לויף.
כ'ווייס נישט, וואָס איך וויל,
כ'ווייס נישט, וואָס צו וועלן,
כ'ווייס נישט, וואָס צו ווילן ווי
נאָר איך לויף ענדעפענדע
איך לויף און פייף,
צוויי פינגער אין פיסק אריין
שטייף און פייף!...
פיו-פיו! — —
און לויף גאַלאָפּ,
פּאָבריקעווע מיט די פּיסלעך!
האָפּ-האָפּ!
האָפּ-האָפּ!
וויאָ!
הו, עמיך גיט מיר אונטער היץ,
עמיך גיט מיר אונטער שמיץ,
איך בין אַ בליץ.
איך בין אַ גלאָק.
— — — — — —
בים-באַם, בים-באַם.
דזאַוואַי פּאַראָם!

וואָס זוכסטו? אַ געמבע?
וואָס דאַרפסטו? אַ דעמבע?
אַ פויסט ווי אַ דעמבע,
אַ ריטש פון אַ געמבע,
אַ דעמבע, אַ געמבע
צו שרעקן די גענז?

ראטשע-געסט.

נאָר קאצינע.

געסט, געסט, גייען געסט,
מזרח, דרום, אָסט און וועסט,
פון סאמארע און פון ברעסט,
קאָוונע, ניצע און טריעסט,
גייען געסט, גייען געסט.
טאטעס, מאמעס מיט די קינדער,
מיט די קינדערט שוועסטער-קינדער,
אין משפחות און געזינדער —
גייען געסט, גייען געסט,
חתן-כלה, קינד און קייט,
און מען גייט און מען גייט,
גייען געסט, גייען געסט.
ווו דו קוקסט און ווו דו זעסט
קומען געסט, קומען געסט...
קומען, גייען ווייב און מאַן,
מיטן פיר און מיטן באַן,
מיט קאָלייקע און געשפאַן.
פאָרן געסט, פאָרן געסט,
גייען, קומען יונג און אַלט,
אין קאפּאָטע און אין שפּאַלט,
פון דאָס קלענסט ביז דאָס גרעסט,
גייען געסט, גייען געסט.
געסט, געסט, געסט, געסט,
קומען איידעמער אויף קעסט
און מען טרינקט און מען עסט,

ניִשט מען עסט נאָר מען פרעסט,
און מען אכלט טאָקע פעסט.
פון דאָס שענסט, פון דאָס בעסט
עסן געסט, גייען געסט,
און מען גייט און מען טרעט,
טרעט, טרעט, טרעט, טרעט,
גייען געסט, גייען געסט,
מאַכן זיִך בײַ מיִר אַ נעסט
און פאַרנעמען טיִש און בעט,
זאַלבעדרייצנט, טעט־אַ־טעט,
און מען שרייבט און מען לעזט,
און מען נייט און מען פרעסט
און מען פאַסט און מען מעסט,
און מען טומלט און מען רעדט,
פון פריִמאָרגן ביז שפעט.
און מען הערט ניִט מיין געבעט,
און מען הערט נישט מיין פראָטעסט,
אָט די געסט, אָט די געסט.
ענג, אַ שטיִקעניִש, פונדעסט
ווען גייען ווייטער געסט,
גייען געסט, גייען געסט,
גאַנצע מחנות געסט, געסט,
פונקט, ווי אויף אַ מאַניִפעסט
ס׳ציִען, גייען, קומען געסט,
געסט, געסט, געסט, געסט, —
קומען זאָל אויף זיי אַ פעסט.

נאַ שוויעַנטעגאָ יאַנאַ.

פון ז. סעגאַלאָוויטש.

איך בין אַ צאַרטער דיכטער,
שרייב איך לידער גלאַטע,
חייך, אַזוי ווי וואַטע,
זיס ווי אַ באַנאַנע,
כמעט אַ מאַרציפּאַנע
נאַ שוויענטעגאָ יאַנאַ,
באַ שוויענטעגאָ יאַנאַ.

ווילט איר רעאַליזם —
זנות און מודה אני,
ווילט איר ראָמאַנטיזם —
שטימונג און „ליוואַנע",
ווילט איר מאָדערניזם —
מיסטיק און נירוואַנע,
אַלעס שפּילט מיין פּיאַנע
נאַ שוועגטעגאָ יאַנאַ,
באַ שוויענטעגאָ יאַנאַ.

שיקט מיר גאָט אַ מיידל
גרעפין דאָך מסתמא,
גרעפין ציפּע-טראַנע,
זלאַטע-מאָנאַ-וואַנאַ, —
ווער איך שטאַרק עראָטיש
און איך זינג עקזאָטיש:

[illegible], · ן געטין טראַנע
[illegible], מיין קורט־זאַנע!
ס'וואַרט די אָטאָמאַנע
נאַ שוויענטעגאָ יאַנאַ,
נאַ שוויענטעגאָ יאַנאַ.

כ'האָב אים מיט אומעט,
שלעפּ איך זיך אַרומעט
מיט מיין גרויסן אומעט.
דאָס איז פון מיין פֿעטער,
פעטער צמה סאַנע,
ער איז מיך מהנא,
ברוך שפטרני,
נאַ שוויענטעגאָ יאַנאַ,
נאַ שוויענטעגאָ יאַנאַ.

קריטיקע

דוד פרישמאַן.

איף וועלכען שריפטשטעלער איהר ווילט.

מען וויל מיך איינשמועסען, אַז דאָס ווערק איז אַ ווערק און אַז דער אויטאָר האָט טאַלאַנט. יאָ, יאָ, טאַלאַנטפאָל איז ער פונקט, ווי אַלע אייערע חדר-יונגלעך-ליטעראַטען, קינסטלער-בטלנים, ישיבה-בחורים, שנעקעס, בורדיוקעס און אונזויסענדע מאָלאָ-קאָסאָסען.

ביי אייך איז ער בעריהמט, איהר לעקט פון איהם די פינגער, אָבער ניט מיר אייראָפּעער ביי אונז אין אייראָפּאַ איז גאָר אַנ׳אַנדער מין שרייבען, אַנ׳אַנדער לשון און אַנ׳אַנדער כתב.

די וועלט, די גרויסע וועלט איז גאָר — קיילעכדיג. גאַנץ פראַנקרייך רעדט פראַנצויזיש, דייטשלאַנד — דייטש, איטאַליען — איטאַליעניש, 400 מיליאָן כינעזער טראָגען נאָך צעפלעך, צוקצוקען, בוריאַטען, האָטענטאָטען עסען געזאַלצענע פיש, גאַנץ יוזשנע אַמעריקאַ האַנדעלט מיט וואַטע. פאַנאַמאַ-קאַנאַל איז שוין באַלד צו ענדע. אין יעמאַן איז אַ רעוואָלוציע, אין קאַלאַבריען טריי-סעלט זיך די ערד, און מיך ווילט איהר איינשמועסען, אַז דאָס

וועט איז אַ ווערק, אַ גוטע ליטעראַטור דאַרפֿען מיר, אַ ריינע פּרעסע דאַרפֿען מיר און אַנ'אַנשטענדיג טעאַטער דאַרפֿען מיר. אוי, בטלנים, בטלנים!... ווי זאָגט מאָטקע חב"ד... (דאָ קומט עפּעס אַ וויץ).

גאָרנישט, ס'איז הפקר. מען שרייבט, דער עולם לייענט, קריטיקער קריטיקירען און וואו בין איך? אין מיר האָט איהר פֿערגעסען? שוין העכער 25 יאָהר, אַז איך שטעה אויף דער וואַכע און — קרים די נאָז, אַזאַ טבע האָב איך. העכער 25 יאָהר, אַז איך קעמף און — זאָג קאַפּויר. אַזאַ מענש בין איך. וועלטען האָב איך חרוב געמאַכט, גאונים אַראָפּגעזעצט, ריכטונגען פֿערניכטעט, בעוועגונגען אויסגעראָטען, פֿערדאָרבען, צוהאַקט, צופליקט, צובדי'ענט, געמאַכט אַ תל פֿון אייער גאַנצער ליטעראַטור-שמור, ביכלאַך-שמיכלאַך, קונסט-שמונסט מיט אַלע אייערע מחברים, משכילים, בעזגראַמאָטנע פּידזשיקעס, סמאַרקאַטע יונגלעך. מען דערצעהלט פֿון שייקע פּייפֿער... (דאָ קומט עפּעס אַנ'אַנעקדאָט).

היינט זעהט איהר, ווי קינסטלעריש דאָס ווערק איז? אוי, בטלנים.

בעל־מחשבות

ראובן־לייזער דער בדחן.

דעם פֿערטען אדר וואָרט פונקט 4 מיט אַ האַלבען יאָהר, זינט ראובן־לייזער דען בדחן האָט אַרויסגעלאָזען זיין ערשטען באַנד „בדחניש" און צו דיזער געלעגענהייט מוז איך וועגען איהם שרייבען אַ קריטיק. שטענדיג אָבער אין אַזעלכע פֿאַלען פיהל איך זיך אָבהענדיג, איך פיהל, אַז איך האָב ניט וואָס צו זאָגען. עס בעהערשט מיך אַ מיש־מאַש פֿון אַ כאַאָטישען תהו ובהו. איך קען זיך אָבער נישט איינהאַלטען און מוז מסביר זיין דעם לעזער דעם הויכען ווערט פֿון אַזאַ ווערק, וועלכעס איז איינער פֿון די ליכטיגע זיילען ביי דעם פֿאָלק ישראל אין זיין פֿינסטערן גלות. . .

מיינט ניט, אַז ליטעראַטור איז אַ שטות־זאַך. אָ, ניין, ליטעראַטור איז גאָר אַ געוויסע זאַך און שרייבען ביכער דאַרף מען קענען. פֿאַרהאַן אַנדערע קענען שרייבען און אַנדערע קענען ניט. און ראובן לייזער דער בדחן קען די מלאכה. איך וועל אייך וועגען איהם גאָרנישט זאָגען, איך וועל נאָר ראַטען דעם לעזער איהם צו לייענען, לייענען און ווידער אַמאָל לייענען, אַ שורה

נאָך אַ שורה, אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק, איבערגעקעהרט אַ בלעטל און ווידער געלייענט, וואָרום לייענען איז אַ גרויסע זאַך — עס ענטוויקעלט דעם מענשענס גייסט.

„מיין ערשטע ווייבעלע שׂרה
איז געווען אַ שלאַק און אַ צרה".

זיין שפּראַך איז די פייער-שפּראַך פון אַ ישעיהו'ן און אַ יחזקאל. זיין ריטם איז געזונד, קרעפטיג, וואָס שפּייזט זיך מיט קאַמף, נקמה און ווילדען תוכחה-כעס. איהר זעהט בחוש, אַז ער איז זייער אַ נאָהענטער חבר. דער חלוק צווישען זיי איז אָבער אַזוי גרויס, אַז עס איז אַ חטא זיי אָנצורופען בנשימה אחת, ווייל אין דער צייט, וואָס ישעיהו און יחזקאל זענען נביאים, איז ראובן לייזער דער בדחן אַ פּאַ־טאַטש און אַ בור דאורייתא...

ני גער.

זבולון דער פּראָשעניע-שרייבער.

שרעקט זיך ניט. ווען איהר וועט שטאַרק זוכען,
וועט איהר דאָ געפינען יודישע ווערטער אויך.

דער ברעג-פּונקט פון פּראָשעניע-שאַפונג!...

די לעבענס-דיסאָנאַנסען, קאָנטראַסטען, קאָנפליקטען, שטריי-טען, שטורמישער דראַמאַטיזם, די צאָהלרייכע געזעלשאַפטליכע שאַטירונגען, שטימען און שטימונגען,—דאָס זענען די אונמיטעל-באַרע אַטריבוטען פון זבולנ'ס שאַפונגס-גייסט.

ניט האַרמאָניע, ניטגלייכגעוויכט, ניט ענטציקונג און געהיימע פערליבטקייט פון די ערדישע מענשען-קינדער וואָלטען זיין געניוס אַרויסגערופען.

און ווי פערשיעדענאַרטיג איז זיין קליענטורע: אַ מעלאָדראַמאַטישע, פּאַטעטישע און ניט אָן פּאַטאָס צונויפגעקניפּעלטע אין איין טראַגיקאָמישען מאָזאַאיק.

ער פערמאָגט פּאַסיווע סקעפּטיקער, לעבענסלאָזע, ווילענס-לאָזע, גאָטלאָזע, געלדלאָזע, לאַנגווייליגע נשמה-גריבלער, אַנעמיש קרעכצענדע נודניקעס.—

און אין זיינע פּראָשעניעס געפינען זיי אַלע די העכסטע שטופע פון נירוואַנאַ-רוה און היין-הער-פּלעט.

„יעחאָ וויסאָקאָרדיו ג=נו פריסטאַוואו...“

זיין טעמע איז שטענדיג דאָס בעגענגעזעצטע פון ביאַליק'ס טעמעס: ער זוכט ניט דאָס רוהיגע און זיכערע, האַרמאָנישע און לעבענסלוסטיגע („פון צער און צאָרן“, דאָס לעצטע וואָרט“), נאָר דאָס שטורמישע און שוואַנקענדע, פערמענטירענדע (וואָס געפינט זיך אין מצב פון יעהרונג) און טראַגישע.

ביאַליק איז אויך אַ שרייבער. עס פעהלט אָבער ביי איהם די ראָמאַנטיק פון זבולן דעם פראָשעניע=שרייבער, די ראָמאַנטיק פון עפּאָס, דער עפּאָס פון פאַטאָס, דער פאַטאָס פון ליריק, די ליריק פון אינטואיציע, די אינטואיציע פון פלאַמענדע אַסאָציאַציע, פאַטאַלאָגישע לעגענדע, טענדענציעזע סימוואָליק, קריסטאַליזירטע אַלעגאָריע און פּאָעטישע סטיכישקייט.

פרילוצקי, — זרובבל, — ווארעד.

מאשע-איצע „דער קאליגראף".

פאַר אונז ליעגט זיין „אַפּיר".

איהר לייענט:

„פיעל פרייד און פערגעניגען זאָל גרייכען אַזש צו"...

און אייך בעהערשען מיסטיק-טרוימען, סודות, געשפּענסטער, בעפליגעלטע שאָטענס און צערטליכע רוה, ווי פון גייסטיגען אָפּיום, וואָס נאַרקאָטיזירט דעם רענעסאַנס-געשריי, וואָס פערטראָגט אייך פון דער קאָנקרעטער ווירקליכקייט צו דעם טעאָרעטישען אַבסטראַקטען בויבעריק.

„פיעל פרייד זאָל גרייכען אַזש"...

יעדעס וואָרט איז אַ דראַמאַטישער טרוים, אַ רעזאָלירטע גאַלוצינאַציע. דאָס מוזיקאַלישע בעקומט זיין פּלאַסטישע פערקערפּערונג, דער נשמה-הימעל ווערט אַ קונסט-הימעל... עס גיסט זיך איין סוד אין דעם אַנדערן און פון אַלע סודות ווערט אַ מיסטיש-מוזיקאַלישע שטילקייט.

מאָמענט־פאָטאָגראַפיעס.

(נאָך מ. ספעקטאָר).

א כאַראַקטעריסטיק פון שריפטשטעלער.

ח. נ. ביאַליק.

פריהער פון אַלץ מוזט איהר וויסען זיין, אַז דער בע־ריהמטער פאָעט ביאַליק איז אַ בלאָנדין און נישט קיין ברונעט.

ווען איהר זאָלט ביי מיר, למשל, פרעגען, וואָס איז ביאַ־ליק? וואָלט איך גלייך געענטפערט, אַז ביאַליק איז אַ שרייבער; מען שמועסט זאָגאַר, אַז ער שרייבט העברעאיש אויך.

נאָר ס'אַ ליגען.

אַלס הייסער יוד און נאַציאָנאַליסט טרינקט ביאַליק נאָר וויסאָצקיס טיי, 25 קאָפּיקעס אַנ'אַכטעל. ס'איז מעגליך, אַז נאָר דעמדאָזיגען טיי האָבען מיר צו פערדאַנקען, וואָס די שאַפונג פון ח. נ. ביאַליק איז דורכגעדרונגען מיט אַזאַ טיפען נאַציאָנאַ־ליסטישען גייסט.

מענדעלע מוכר־ספרים.

צוערשט שרייבט ער אָן אַ שורה, דערנאָך נאָך אַ שורה, דערנאָך אַ דריטע שורה, אַ פירטע, אַ פינפטע—אַזוי כסדר, ביז עס ווערט אַ ווערק.

אַזוי איז געווען איז זיין יוגענד און אַזוי איז אויך איצט.

כּדי צו ווייזען, אויף וויפיל אונזער יידע איז יודישליך און פאָלקסטימליך אין זיין שאַפען, איז גענוג אויפמערקזאַם צו מאַכען, אַז ער שרייבט דורכאויס פון רעכטס אויף לינקס און דערמיט צייכענט ער זיך אויס פון אַלע גוי'עשע שריפט-שטעלער.

און אַזוי ווי ער שרייבט—פון רעכטס אויף לינקס, אַזוי מוזט איהר אויך זיינע ווערק לייענען—פון רעכטס אויף לינקס. אָט דאָס הייסט בעהערשען דעם לעזער, אַז דער לעזער זאָל זיין אונטערגעוואָרפען דעם ווילען פון מחבר.

אחד-העם.

אַמאָל איז ער געווען יונגער, היינט איז ער שוין עלטער.

שרייבען שרייבט ער זעהר זעלטען. דאָס איז דערפאַר, ווייל כּדי עפּיס אָנצושרייבען, איז איהם ווניג צו האָבען אַ פּען און טינט, ער מוז אויך האָבען פּאַפּיר.

אחד-העם איז זעהר ערנסט און עהרליך צו זיך און צו אַלעמען; איבערהויפּט—צו דער טראַמוויי-קאָמפּאַניע. ווען, למשל, דער קאָנדוקטאָר זאָל פערגעסען צו נעהמען ביי איהם דעם צעה-נער, וועט ער דעם קאָנדוקטאָר אַליין דערמאָנען און דערלאַנגען איהם, וואָס איהם קומט.

כּדי די כאַראַקטעריסטיק פון דעם גרויסען נאַציאָנאַלען פילאָזאָף זאָל זיין פאָלקאָם, מוז איך בעמערקען, אַז אחד-העם האָט קיינמאָל נישט געטראָגען קיין פּאַפּירענע קראַגענס.

יעקב דינעזאָהן.

יעקב דינעזאָהן איז איינער פון די שריפטשטעלער, וואָס איידער זיי גיבען-אָוועק אַ ווערק צום דרוקען, מוזען זיי דאָס ווערק פריהער אויפשרייבען.

ווען דינעזאָהן זעצט זיך שרייבען, נעהמט ער די פּען אין

האַנד, דערנאָך טונקט ער זי איין אין אַ טינטער מיט טינט, און אויב אין טינטער איז קיין טינט נישטאָ—שרייבט זיך ביי איהם נישט.

אַזאַ טבע האָט ער.

און מערקווירדיגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס ווען ער שרייבט, מוז ער זיצען אויפ'ן שטוהל און שרייבען אויפ'ן טיש, און נישט פערקעהרט.

מיט דער שוויגער לעבט ער בשלום.

ווי אַזוי איך אַליין שרייב.

זעצען זיך אַ הונגעריגער שרייבען—דאָס איז ביי מיר נישט שייך... צוערשט מוז איך אָבעסען און דוקא מיט אַפּעטיט, וואָרום אַז מען האָט נישט קיין אַפּעטיט, איז מען חולה מסוכן, אַ קראַנקער מענש, אַ גוסס...

אַ מאָדנע טבע האָב איך, אַז ווען איך עס אָב, ווער איך אַזוי ווי פרעהליכער... און די שטימונג ווערט ביי מיר אַ גע־הויבענע און דאָס גיט שטענדיג צו מיינע ווערק דעם אמת'ן הו־מאָריסטישען טאָן.

קאָווענעס האָב איך ליב פון מאַלאָראָסיע.

אין בעסאַראַביען עסט מען מאַמאַליגע, אין אַסטראַכאַן—בעלאַריביצע.

אינטערוויו.

פון ראובן ברײנין.

ביי איבסענ'ען.

אַרויסגעהענדיג פון וואַגאָן צווייטער קלאַס (אַז איך פאָהר, פאָהר איך נור צווייטער קלאַס), האָב איך גענומען אַ קאַרעטע און געלאָזען זיך פאָהרען.

די צוויי פערד (אַז איך פאָהר, פאָהר איך נור מיט צוויי פערד איינגעשפּאַנט אין אַ וועגעל אויף פיר קיילעכדיגע רעדער) האָבען מיך געפירט אין דער ריכטונג, וואו עס וואוינט דער גרויסער פילאָזאָף, שריפטשטעלער, דענקער און פסיכאָלאָג פון דער לעצטער צייט.

פּאַר מיינע אויגען האָט געשוועבט די ברייטע פּלייצע פון איזוואָשטשיק מיט דעם נומער 8789. אַ גרויסער נומער — האָב איך געטראַכט — איך בין געוואָרען פילאָזאָפיש געשטימט.

— איז עפּעס טייער האָבער? — האָב איך געפרעגט דעם איזוואָשטשיק.

— טייער — האָט ער געענטפערט.

איך האָב גלייך אַרויסגענומען מיין לעדערנעם טאַשען-ביכעל און פערצייכענט דעם טיפזיניגען, שאַרפען, נאַיוען און אָפּענהערציגען ענטפער פון אַנ'אמת'ען פאָלקס-קינד.

אָט זענען מיר שוין ביים גאַניק.

איך נעם אַרויס אַ הויפען גאָלדענע מטבעות און דערלאַנג איהם — זיבען קופּערנע צעהנערס.

— וואָס פערלאַנגט איהר? — האָט דער גרויסער דיכטער געפרעגט, אָבשטעלענדיג מיך אויפ'ן שוועל פון צימער...

איך האָב זיך אַ נויג געטון און געענטפערט:

א י ך : דאָס יודישע פאָלק, גאַנץ רוסלאַנד, די פרעסע די גאַנצע וועלט וואַרט מיט אונגעדולט אויף מיין אינטערוויו מיט אייך. איך האָב שוין געזעהען די גרעסטע גדולים פון היינטיגער צייט. מיט ווילהעלם דעם צווייטען בין איך אין איין טעאַטער געזעסען, פאַר קאַאוסקי'ן האָב איך די היטעל אַראָבגענומען סטרינדבערג'ן האָב איך אַמאָל אויף אַ הינער-אויג אַרויפגעטרעטען. פילע האָבען געהאַט די עהרע פון מיר אינטערוויואירט צו ווערען און מיט מיר אין איינעם פאָטאָגראַפירט צו זיין.

ע ר : שווייגט.

א י ך : איך בין מיר זיך שטענדיג נוהג אין אַ אינטערוויו אַרויסצוזאָגען און טיילען זיך מיט מיינע מיינונגען, איבערציי־גונגען, עמפפינדונגען איבער ליטעראַטור קונסט, פאָעזי און שענהייט... איך האַלט, אַז שעקספיר איז געווען אַ שענער שרייבער.

ע ר : שווייגט.

א י ך : איך האַלט, אַז אַנאַטאָל פראַנס און בייראָן זייען אינטעליגענטע מענשען.

ע ר : שווייגט.

א י ך : זאָגט מיר, איך בעט אייך, האָט איהר ווען גע־פלויגען אויף אַ ־עראָפּלאַן?

ע ר : שווייגט.

א י ך : האָט איהר ליב געפרוירענע פעטשאַ?

ע ר : שווייגט.

און נאָך און נאָך האָב איך גערעדט און ער האָט געשוויגען מיט האַרץ, מיט זין, מיט טעמפעראַמענט און אַזוי אינטערעסאַנט, אַזוי אינטערעסאַנט... ער האָט געוואָרפען אונרו־היגע בליקען, דאָס אויף מיר, דאָס אויף דער טיר, קענטיג, בורא-האָבענדיג, איך זאָל ניט אַוועקגעהן און איבערלאָזען איהם

אין רעכטען מיטען.

אמענדע האט דער גרויסער דיכטער מיך איבערגעשלאגען און א פרעג געטון:

— איך פרעג אייך, וואס דרעהט איהר מיר א ספאדעק און די טיר האט זיך פערקלאפט פאר מיין נאז.

זיינע פאר הארציגע ווערטער האבען מיך געפאנגען. איך מוז אויף איהם נאך אמאל א קוק טון. עס מעג מיך קאסטען מי יודע וויפיל... אהא!... איך האב שוין!... אט אין דעם שליסעל־לאך!...

און מיט איין אויגעל האב איך אריינגעקוקט.

דער שעפפער פון „נארא" איז אומגעגאנגען צוטראגען איבער'ן צימער און האסטיג געשפייט. געוועזן קענטיג אין טיפע מחשבות פערטיפט. זיין ליכטיגער שטערען האט זיך גע קנייטשט אונטער דער לאסט פון ריזיגע געדאנקען. ווער ווייס וואס פאר א פראבלעמען עס האבען זיך געוועבט אין אט דעם געניאלען מוח.

— — — — — — — — — — — — — — — —

און קיינמאל, קיינמאל וועל איך ניט פערגעסען די הער־ליכע מינוטען, וואס איך האב פערבראכט מיט דעם גרויסע־שריפטשטעלער און דראמאטורג. זיינע איינפאכע הארציגע ווער־טער זענען ווי א פרילינגס־רעגען געפאלען אויף מיין הארץ וואס דורשט נאך בלדונג, קולטור און אינטערוויו'ס.

חכמה און וויסנשאַפֿט

די נייע סאָציאַליסטישע שול.

כרעסטאמאַטיע

פאַר דעם פּראָפעסיאָנעלן קינדער־פאַך פון דעם ערשטן שול־יאָר־פּראַקציע.

לעזע־איבונגען.

— ווער איז דער מאַן מיט דעם גראָבן בויך?
— דער מאַן מיטן גראָבן בויך איז אַ בורזשוי.
— איז דיין ברודער אין דערהיים?
— ניין, מיין ברודער איז געגאַנגען פירן אַ קלאַסן־קאַמף.
— האָט דיין ברודער אַ מלוכה?
— יאָ, מיין ברודער האָט פיינד העברעאיסטן.
— מיין פעטער גיט אַב׳אַגיטאַציע מיין מומען.
— ביי מיין שוואָגער איז געווען אַ ליאמע.
— קאָנסטו אַראָפּרייסן פאַרזאַמלונגען?
— יאָ, איך קאָן אַראָפּרייסן פאַרזאַמלונגען. איך קען גוט פייפן.
— האָט דיין שוועסטער אַ בורזשואַזנע פּסיכאָלאָגיע.
— ניין, מיין שוועסטער איז אין נאָדל־פאַך. נאָר מיין ברודערל איז אַ שאָוויניסט. ער לערנט חומש מיט רש״י. האָב איך אים געשלאָגן.

זומער־לידער.

נאַטור, נאַטור*), גיב אַ רעגן
פאַר דעם „קליינעם בונד״ וועגן,
נישט קיין סך און נישט קיין ביסל,
אַ מכּה דעם בורזשוי אין פּיסל.

---

*) דער לערער דאַרף אויסמיידן דאָס וואָרט „גאָט״ נאָר אַנשטאָט גאָט, זאָל ער צוגעוווינען דאָס קינד צו זאָגן „נאַטור״ אָדער „עלעטרי״ און אַנשטאָט „נשמה״ זאָל ער זאָגן „פאַרע״.

דער ערשטער מײַ.

אַז עס גייט אַוועק דער ווינטער,
קומט דער ערשטער מײַ.
אַזוי שטייט אין געאָגראַפיע —
איינס, צוויי, דריי.
אַלע באַשעפענישן שטרייקן,
און גייען אויף דעמאָנסטראַציעס.
דער האָן, די פליג,
די זון, די לבנה.
היט זיך, קינדערלעך, פאַר פּראָוואָקאַציעס!
איינס, צוויי, דריי!
אַז עס גייט אַוועק דער ווינטער,
קומט דער ערשטער מײַ!...
אַזוי שטייט אין געאָגראַפיע.

דער בוים.

אין מיטן וועג שטייט אַ בוים
שטייט ער איינגעבויגן.
פאָרט אַ ייד קיין..... 1)
מיט פאַרוויינטע אויגן 2)
נאַטור, נאַטור, מיין נאַטור, 3)
ווער וויל דאַווענען מנחה 4)
אַז מ׳וועט שלאָגן יידן אין ארץ-ישראל,
וועט זיין אַ גרויסע שמחה.

---

1) דער לערער זאָל זיין פאָרזיכטיק נישט צו דערמאָנען דאָס וואָרט: ארץ-ישראל.

2) אַ חדוש, וואָס ער וויינט. דער ייד איז אַ קלאַסן-באַוואוסטער פראָלעטאַריער און ער ווייסט, אַז דערמיט וואָס ער פאָרט קיין ארץ-ישראל שוואַכט ער אָפּ דעם קלאַסן-קאַמף אין גלות.

3) ווי געזאָגט, טאָר דער לערער נישט דערמאָנען דאָס וואָרט גאָט.

4) דאָ דאַרף דער לערער געבן דעם קינד צו פאַרשטיין, רעליגיע איז אַ פריוואַט-זאַך און זאָל דאָס קינד אָנשרייבן אַ דיסערטאַציע וועגן אָפּטיילן די קירך פון דער מלוכה.

מעשה׳עך.

דאָס שעדלעכע פילאַנטראָפּיע.

יאָסעלע איז אַ קלאַסן-באַוואוסט יינגעלע און אַ גרויסער אָנהענגער פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם.

איינמאָל איז ער געגאַנגען מיט זיין מוטער אויף אַ דע-מאָנסטראַציע (אַ גוט יינגעלע גייט נישט שפּאַצירן). איז זיי אַנט-קעגן געקומען אַן׳אָרימאַן אַ קאַליקע און געבעטן אַ נדבה. די מוטער האָט אַרויסגענומען אַ מטבע, געגעבן יאָסעלען און געזאָגט:

—נאַ, יאָסעלע, גיב דעם אָרימאַן אַ נדבה.

יאָסעלע האָט די מטבע אַריינגעלייגט אין קעשענע און גע-זאָגט: ניין, חברטע-מוטער. איך וועל בעסער אַליין אויסגעבן די די מטבע, ווייל איך האַלט נישט פון פילאַנטראָפּיע. פילאַנטראָפּיע איז אַ שעדלעכע און אַנטיסאָציאַלע פונקציע אין סאָציאַלן קער-פּער. פונם סאָציאַלן פּאָליטישן אַלו עלטלעכן געבוי פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

די מוטער האָט אויסגעהערט און זיך צעוויינט.

פראַגע: פאַרוואָס האָט די מוטער געוויינט?

„אַ פאַרהאַרטעוועטער כאַראַקטער״.

פיניע איז געווען אַ וואויל יינגעלע: צו דריי יאָר האָט ער שוין געשריבן לויט דער נייער אָרטאָגראַפיע. צו פינף יאָר האָט ער געפירט אַ קלאַסן-קאַמף מיט זיין פאָטער. דער פאָטער האָט אים געהייסן גיין אין חדר און ער האָט נישט געוואָלט. צו זעקס יאָר האָט ער שוין נישט אַנערקענט קיין פּריוואַט-אייגנטום. צו זיבן יאָר האָט ער ערקלערט אַן׳אייביקן שטרייק אַלע בורזשואַזנע לער-ביכלעך.

גאַנצע טעג איז ער אַרומגעלאָפן און געמאַכט רעוואָלוציעס אויף דער יודישער גאַס, געשלאָגן חזרים, געוואָרגן קעץ, געררייצט הינט און קליין-בירגער.

איינמאָל האָט אים דער טאַטע געפרעגט:

—פיניע, פאַרוואָס טהוסטו אַזוי?

אויף דעם האָט פיניע געענטפערט,

—דווקא!

—מען טוט נישט אַזוי.

—חיל איך!

—דו ביזט אַ שקץ.

—בין איך!

—דו האָסט נישט קיין טאַטן!

דאָ איז פיניע אַרויס מיט לשון:

—וואָס איז אַזוינס אַ טאַטע — האָט ער ערקלערט. אַ טאַטע — דאָס איז אַן אָפּגעלעבטע איבערבלייבעניש פון דער אַלטער פעאָדאַלער אָרדנונג. איך אָבער מוז פאַרשטאַרקן ... פאַרהאַרטעווען זיך דעם כאַראַקטער לויט דעם אַרטיקל פון ה׳ קאָוש יאָן. עך, טאַטע, טאַטע, דו לייענסט נישט קאָושדאַ׳נס פעדאַגאָגישע אַרטיקלען, און דערפאַר ביזטו נישט באַוואוסטזיניק און רעטראָגראַדיש.

דער טאַטע האָט אויסגעהערט זיין קינד, געמאַכט אַ מאָדנע גרימאַסע, גענומען דעם שטעקן און אַוועק פלעטן קאָושדאַנען דעם קאָפּ.

זאָל דאָס קינד אויפשרייבן אַן׳אויפזאַץ אויף דאָס טעמע: די קאָנטרעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ביי די זאַקסן אין מיטל־אַלטער.

וויג־ליד.

אונטער משהלעס וויגעלע

שטייט אַ בלוי־ווייסע ציגעלע.

דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען

מיט וואַליוטע, ראָזינקעס און מאַנדלען

(וואָס דען טוט אַ בלוי־ווייס ציגעלע?)

אָבער משהלע וועט גיין אין סאָציאַליסטישע שולע,

זכמן רייזין וועט אים לערנען אַ פולע.

בירנבוימס תורה איז די בעסטע סחורה,

פלודערמאַכער וועט אים לערנען שכל

גילינסקי וועט אים שאַרפן דאָס מוחל.
און משהלע וועט אַ לייט ווערן
און צום קליינעם „בונד" געהערן.

פ ר אַ ג ן.

דער לערער זאָל פרעגן דאָס קינד די פאָלגענדע פראַגן:
וויפיל ווייבער האָט געהאַט לאָסאַל? —

וואָס איז דער אונטערשיד פון מאַקס קאַרל און מאַקס לינדער?

אין וועלכן יאָר האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן דער לינקער שפּאַלט פון רעכטן פליגל פון דער מיטלסטער פראַקציע פון „בונד"?

פאַרוואָס איז קאַרל קויטסקי אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער? און וואו וואוינט קלמן קאַמאַשנמאַכער?

וואָס איז דער סינטעז פון עקסטעריטאָריאַלישן מהות פון יודישן פּראָלעטאַרישן סאָציאַל־פּאָליטישן אינטערנאַציאָנאַל?

מאַטעמאַטיק.

אויפגאַבן.

(לויט גילינסקיס אַרבעטס־פּרינציפּ).

אַ בונדיסט האָט אויפגעגעסן 3 פ"ק, 5 צ"צ, דערשלינגען 7 ס.־ס. און פאַרביסן מיט 10 ציוניסטן. פרעגט זיך: ווי לאַנג וועט ער אויסהאַלטן?

אַ יינגעלע האָט געקויפט 6 פוד פּראָקלאַמאַציעס און 7 רעוואָלווערן — פרעגט זיך: וי אַלט איז ער?

אויף אַ צוזאַמענפאָר געפינען זיך 3 גענעראַל־רעדנער. דער ערשטער גיסט אַרויס 200 קוביק מעטער וואַסער אין אַ רגע, דער צווייטער — 300 פאַס וואַסער אין אַ סעקונדע, דער דריטער 400 ליטער וואַסער אין אַ מינוט. פרעגט זיך: ווען וועט נאָך אַ מאָל קומען אַ מבול?

די יודישע שפראַך האָט 77 דיאַלעקטן, יעדער דיאַלעקט האָט 77 לער-סעמינאַריומס, יעדע לער-סעמינאַריום האָט 77 פעדאַגאָגן, יעדער פעדאַגאָג האָט 77 גראַמאַטיקעס, יעדע גראַמאַטיק האָט 77 פרקים פון אָרטאָגראַפיע, יעדע אָרטאָגראַפיע האָט 77 כללים, יעדע כלל האָט 77 יוצא-מן-הכּללס. פרעגט זיך: ווען וועט דער קאָרעקטאָר אַראָפּ פון זינען!

אַלגעמיינער שמועס.

אין אַ סאָציאַליסטישער מאָדערנער וועלטליכער און אַלוועלטליכער פאָלקס־שול.

(על פּי נוסח גילינסקי, פעסטאַלאָצי, בירנבוים און אַטאָ)

פּ ע ר וו אַ ל ט ע ר. (רופט אויס) אַלע קינדער־חברים גייען אַריין אין שמועס־צימער צו באַטייליגן זיך אין אַלגעמיינעם שמועס מיט בעראַטונג און שטים־רעכט.

(די קינדער פאַרנעמען די ערטער רעכט, לינקס און אין צענטער).

בּ ע ר ע ל ע. (אַ תּלמיד פון צווייטן שול־יאָר) חבר־פּערוואַל־טער. חברים־לערער און חברים־תּלמידים. איך וויל אויפמערקזאַם מאַכן, אַז עס פעלן די חברים־קינדער פון ערשטן שול־יאָר.

פּ ע ר וו אַ ל ט ע ר. מיר וועלן שטעלן די פראַגע צו דער אָפּשטימונג.

בּ ע ר ע ל ע. איך בעט אַ וואָרט צו דער אָפּשטימונג. איך מיין, אַז מען דאַרף זיי אַריינרופן, כּדי צו געבן זיי די מעגליכ־קייט צו באַטייליגן זיך אין אונזער שמועס און אַזוי אַרום ווערן פּאָליטיש רייף און פּאַרלאַמענטאַריש ערצויגן.

(מיט אַ מערהייט שטימען ווערט באַשלאָסן אַריינצורופן די קינדער פון ערשטן שול־יאָר. די עופהלעך קומען נעביך אַריין צום אַלגעמיינעם שמועס).

י ע נ ק ע ל ע. (לינקס) חברים! איך קוק אויף אונזער פאַר־זאַמלונג און באַמערק אַ טרויריקע ערשיינונג. עס פעלט די קעכין.

ח י ה ל ע. (מיטגליד פון דער ווירטשאַפט־קאָמיסיע) איך וויל אייך אינפאָרמירן: היינט קאָכט מען ביי אונז רייז, און רייז האָט אַ טבע צו צוברענען, ווען מען גיט אויף דעם נישט אַכטונג. עס מוז דאַריבער זיין די קעכין דערביי.

שמערעלע. (עקסט לינקער) איך האָב אַ פאָרשלאַג: דער חבר לערער־פערוואַלטער איז שוין אַזוי אויך געגוג באַוואוסטזיניק און פּאָליטיש ערצויגן. די קעכין איז אָבער נאָך נעבעך בלינד, נישט קלאַסן־באַוואוסט און אַפּאָליטיש. לייג איך דאַריבער פאָר מען זאָל דעם לערער־פערוואַלטער שיקן אויף דער קיך און די קעכין אַריינרופן צום אַלגעמיינעם שמועס.

(דער פאָרשלאַג ווערט איינשטימיק אָנגענומען).

פערוואַלטער. איך וואַרף זיך אונטער דעם באַשלוס.

(מען רופט אַריין די קעכין. זי גיט איבער דעם פערוואַל־טער דאָס פאַרטוך מיט דער גרויסער הילצערנער קאָך־לעפל. דער פערוואַלטער טוט אָן דאָס פאַרטוך און גייט אַוועק אויף דער קיך).

יוספּקע. (דער פּראָטאָקאָל־פירער) איך לייג פאָר אויס־צוקלייבן אַ פאָרזיצער.

קינדערשע שטימען: לייבל! לייבל זאָל זיין אַ פאָר־זיצער. לייבל טראָגט שוין נישט קיין ספּענצער, ער טראָגט שוין הייזעלעך אויף שעלקעס.

(עס ווערט אָנגענומען. לייבל פאַרנעמט דעם פאָרזיצער־פּלאַץ).

יאָסל. איך מאַך אַ פאָרשלאַג אויסצוקלויבן די קעכין, וועלכע קאָכט אונז אַזעלכע טייערע מיטאָגן אַלס וויצע־פאָרזיצערין.

(דער פאָרשלאַג ווערט בעגייסטערט אָנגענומען. די וויצע־פאָרזיצערין אונטער אַ שטורם פון אָוואַציעס ווישט אָפּ דעם פאָר־זיצער דאָס נעזל און פאַרנעמט אַ פּלאַץ אין פּרעזידיום. די זיצונג פירט זיך ווייטער).

פאָרזיצער. מיר האָבן צוויי פראַגן: פּראָגראַם און לערער־ביכער.

הינדעלע. איך בעט אַ וואָרט צום סדר היום.

(עס ברעכט אויס אַ שטורם פון פּראָטעסטן: יידיש, יידיש! הינדעלע ענטשולדיקט זיך. און רעדט ווייטער).

הינדעלע. איך בעט אַ וואָרט צו דער טאָג־אָרדנונג. איך מיין, אַז די פראַגע וועגן פּראָגראַם קאָן אָפּגעלייגט ווערן ביזן נאָנסטן נומער „שול און לעבן”, וואו עס וועט זיין געדרוקט אַן אַרטיקל פון חבר גוטמאַן. חבר גוטמאַן איז דאָך שוין אַ גרויסער

און איז זייער ענטוויקלט פיזיש און פעדאַגאָגיש. ער פאַרשטייט מער פון אונז. זאָלן מיר אַלזאָ אָפּוואַרטן, ביז דאָס אַרטיקל וועט זיין געדרוקט.

קולות: ריכטיק! ריכטיק!

יאָסעלע. חברים! ערלויבט מיר צו שטעלן אַ פראַגע אויסער דער אָרדנונג. צי מעג איך אַרויסגיין?

פאָרזיצער. איך מיין, אַז די פראַגע מוז דיסקוסירט ווערן. איך עפן אַ ליסטע פון גענעראַל־רעדנער און סתם־רעדנער.

יאָסעלע. (ענערגיש) די פראַגע איז דרינגענד און זי מוז געלעזט ווערן גלייך אָן דיסקוסיעס.

פאָרזיצער. איך שטעל די פראַגע צום אָפּשטימען. ווער איז פאַר?... ווער איז קעגן?... און ווער האָט זיך איינגעהאַלטן?

יאָסעלע. איך. איך האָב זיך איינגעהאַלטן.

(מיט אַ מערהייט שטימען ווערט באַשלאָסן יאָסעלע זאָל אַרויסגיין. יאָסעלע פאַרנעמט די פּראָטאָקאָל פּאַפּירן און פאַרלאָזט די זיצונג אויף 10 מינוט אין דער בעגלייטונג פון אַ לערערין).

פאָרזיצער. איצט גייט די פראַגע פון לער־ביכער. די פראַגע איז זייער וויכטיק און מוז באַטראַכט ווערן אָן פניות, ערנסט און מיט שכל. איך לייג דאַריבער פאָר, אז אין די דעבאַטן וועגן דער דאָזיקער פראַגע זאָלן נישט אַנטייל נעמען די לערער וואָס האָבן געשריבן לער־ביכער, נאָר בלויז די יעניקע אַנשטענדיקע, וואָס האָבן קיין לער ביכער נישט געשריבן.

מאָטעלע. איך לייג פאָר אַריינצורופן אונזער שכן שמואל דעם היטל־מאַכער און זיין ווייב מנוחה־זעלדע. זיי האָבן קיין לער־ביכער נישט געשריבן.

(דער פאָרשלאַג ווערט אָנגענומען. מען רופט אַריין דעם שכן שמואל דעם היטל־מאַכער און זיין ווייב מנוחה־זעלדע מיט בעראַטונג און שטים־רעכט.

פאָרזיצער. הייסט עס, אַז מיר טרעטן צו צו דער וויכטיקער פראַגע וועגן לער־ביכער. ווער וויל זיך וועגן דעם אַרויסזאָגן?

העשעלע. (מיטגליד פון דער פעדאַגאָגישער קאָמיסיע).

איך מיין, אַז דער קאַרדינאַלער פּרינציפּ אין אויסוואַל פון לערבּיכער, דאַרף זיין דער, אַז אין לער־ביכל זאָל נישט דערמאָנט ווערן דאָס וואָרט גאָט, דאָס דאָזיקע בורזשואַזע און קליין־בירגערלעכע וואָרט פאַרטונקלט דאָס באַוואוסטזיין פון די ברייטע שיכטן פון די מאַסן. איך לייג דעריבער פאָר, אַז דאָס בעסטע לער־בוך פאַר דעם ערשטן שול־יאָר איז די ביבעל, נאָר יעדעס מאָל ווען עס ווערן דערמאָנט דאָס וואָרט גאָט, זאָל מען זאָגן: קלאַרא צעטקין אָדער פרידריך ענגעלס.

יענקעלע. (פון צעטר) חברים! את חטאי אני מזכיר, ענטשולדיקט, עס האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט אַ לשון־קודש וואָרט... איך נעם צוריק... איך דערמאָן מיינע זינד. איך האָב אַמאָל געלערנט אין חדר, האָט מיר דער רבי געזאָגט, אַז אין שיר־השירים ווערט נישט דערמאָנט קיין איין מאָל דאָס וואָרט גאָט. איך בין דעריבער געגן דעם גאַנצן ביבעל וועלכער איז אַ קליין־בירגערלעכע בוך. און לייג דעריבער פאָר אַז מען זאָל בלויז נעמען דעם שיר־השירים זאָל ווערן דאָס לער־בוך פון אַלע קלאַסן און שול־יאָרן.

חצקעלע. אין שיר־השירים ווערט אָבער דערמאַנט דאָס וואָרט שלמה המלך און דאָס שטעקט מיט מאָנאַרכיע און קאָנטר־רעוואָלוציע.

יענקעלע. דאָס שאַדט נישט, מיר וועלן עס געבן איבערזעצן דעם חבר בירנבוים און לאָזן רעדאַגירן דורך דער ליטעראַרישער קאָמיסיע ביי דער שול־אָרגאַניזאַציע, וועלן זיי עס שוין צורעכט מאַכן. מען וועט שוין נישט דערקענען, וואָס דאָס איז אַזוינס. זיי האָבן שוין רעדאַגירט פּרצן און שלום ליכמן אַזוי, אַז עס איז מיר אַ חידוש, וואָס פּרץ און שלום עליכם עקומען נישט פון גרויס דאַנקבאַרקייט זיי ווערגן.

די קעכין. (פאַרשעמט) מען זאָגט אָבער, אַז „שיר־פּאַשירע" איז אַ ביסל עראָטיש. (רויטלט זיך און פאַרדעקט דאָס פּנים).

הינדעלע. עס מאַכט נישט אויס. דער לערער פון נאַטור־וויסנשאַפט האָט אונז שוין ערקלערט וואָס ס'איז אַזוינס באַפרוכפערונג.

אַלע מיינונגס-פאַרשידנהייטן. איך לייג-פאָר מען זאָל נעמען אַלס לער-בוך דעם „רויטן פנקס״. קודם-כל נעמען דאָרטן אַנטייל אַלע פּאַרטייען, והשנית קען מען פון דאָרטן פאַרגעסן אַ שייטל עברי, והשלישית וועלן מיר דערווייל נישט לערנען קיין אַנדערע לער-ביכלעך.

(דער פאָרשלאַג ווערט בעגייסטערט און איינשטימיג אָנגענומען).

עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר. עס באַווייזט זיך דער פּערוואַלטער אין אַ פאַרשמירטן פּנים, ער מעלדעט:

—די רייז איז פערטיג, מען קען שוין גיין עסן מיטאָג.

דער פאָרזיצער שליסט די זיצונג, די קינדער גייען עסן ריי

פּאָלקלאָר און פילאָלאָגיע.

אַ לעקציע פון נח פּרילוצקי.

געערטעוודיקע פאַרזאַמלעניש!

האָט איר ווען עס איז געזען אַ מענטשן? ניין? אַ שאָד. אַ מענטש איז אַזאַ באַשעפעניש, וואָס טראָגט זיינע אַלע מעלות, קען ער — רעדן.

זייער פאַרשידנאַרטיק זענען די רעדעכצן און רעדנסאַרטן פון דאָזיקן רעדן: ווער עס רעדט צום לאָמפ, ווער עס רעדט צו דער וואַנט, ווער עס רעדט פון הינט, ווער עס רעדט לאַטיין, טערקיש, פראַנצויזיש און ווער — הייזעריק.

פאַראַן נאָך אַ זעלכעוודיקע מענטשן, וואָס הייסן בויך-רעדנער, פאַראַן אַזעלכעוודיקע, וואָס רעדן פון שלאָף, פון היץ און אַזעלכעוודיקע, וואָס רעדן — לשון-הרע.

אַ נאַר רעדט, וואָס ער ווייס, אַ קלוגער ווייס, וואָס ער רעדט, אַ דיפּלאָמאַט רעדט נישט, וואָס ער ווייס, און אַ רעדנער ווייס נישט, וואָס ער רעדט.

איך וויל איך נאָר אויפמערקזאַמיש מאַכן אויף אַ מערקווירדיקע דערשיינונג, אין וועלכער עס איז דורכקוקעוודיק און גלאַנצענעוודיק אָנגעוויזן די אַנאַלאָגיע צווישן דעם רעדנסאַרט פון אַ שטומען מאַנסביל פון זכרישן געשלעכט אין וואָלינער געגנט, פון אַ שטומער נקבה פון ווייבערישן מין אין אָטוואָצקער געגנט און פון אַ שטומען פון זאַכלעכן געשלעכט אין סאָכאַטשעוו.

קיין איינער פון זיי איז נישט אומשטאַנדעוודיק צו אָפּזאָגן דעם גאַנצן: אץ קוצץ בן קוצץ קצוצי דקצץ — אויף אויסווייניק.

וואָס אָנבאַלאַנגט די טויב־שטומע, — זיי הערן אונז סתם, ווי דעם קאָטער.

אַזוי איז אין זשיכלין, מאַקאָוו (לאָמשזער גוב.), און וואַשינגטאָן (אַמעריקע).

כדי די שטומע זאָלן אויך האָבן, וואָס צו רעדן, איז פאַר זיי ספּעציעלעוודיק באַשאַפן געוואָרן די שטומע קלאַנגען מיט דעם שטומען „עין".

פאַר טויב־שטומע איז, מסתמא, פאַראַן טויב־שטומע קלאַנגען מיט אַ טויב־שטומען „עין".

אַזוי איז אין זשיטאָמיר, קוטנע און וולאַדיוואָסטאָק.

אין היפוך צו דער רעדנסאַרט פון די שטומע איז פאַראַן נאָך אַ רעדנסאַרט, וואָס הייסט: ש ט אַ מ ל ע ן.—(אויף פראַנצויזיש: זאַיִקעווען).

היות, ווי די שטומע רעדן גאָר אָ ן קלאַנגען אָדער מיט שטומע קלאַנגען, רעדן דערפאַר די שטאַמלער מיט טאָפּל־קלאַנגען, יעדעס וואָרט ווערט ביי זיי איבערגעחזרט צווייּמאָל. אַזוי למשל, זענען פאַראַן אַזעלכע דייטשן, וואָס אַז איר פרעגט ביי זיי, פון וואַנען זיי שטאַמען, ענטפערן זיי אייך: פון באַדן־באַדן. אַזעלכע פאַרשוינען רויכערן פאַפּיראָסן „פּרו־פרו", גייען אויף דער אָפּערעטקע „גרי־גרי", פאַרנעמען זיך מיט דאָפּלטע בוכהאַלטעריע און האָבן קינדער לויטער צווילינגס.

פאַר די דאָזעוויקן שטאַמלער איז מסתמא געשריבן געוואָרן די צוויי מאָל „אודך", די „יקום פורקנ׳ס" און די זיבן „למנצח׳ס".

אויף אַ גאַנץ אַנדער ליניע ליגט די רעדנסאַרט פון די פאָנפאָטע פון אַמטשיסלאַוו.

די פאָנעטיק באַווייזט, אַז דאָס פאָנפען איז אַ זאַך, איז אָפּהענגיק פון נאָז: וואָס קלענער די נאָז, אַלץ שטאַרקער דאָס פאָנפען, וואָס גרעסער די נאָז, אַלץ קלענער דאָס פאָנפען. מענטשן מיט לאַנגע נעז פאָנפען לגמרי נישט.

ווי העלפאַנטן, למשל.

עס טרעפט אָבער, אַז מיט אַ לאַנגער, נאָז קאָן מען אויך

פאָנפען און דאָס איז דערפאַר, ווייל די נאָזלעכער זענען פאַר־ לייגט און דאָ העלפט שוין קיין נאָז אויך נישט.

אזוי איז אין בענדין, טאַמבאָוו און בודאַפעשט.

עס טרעפט, אַז נישט בײדע נעז־לעכער זענען פאַרלייגט, נאָר איינע. און דאַן איז געווענדט וועלכע: אויב די רעכטע איז פאַרלייגט, וועט דאָס פאָנפען זיין פראַנצויזעריש, מיט „אַ קרומע נון״; אויב די לינקע איז פאַרלייגט, וועט דאָס פאָנ־ פען זיין האַלב דייטשמעריש און האַלב טשעכאָ־סלאָוואַקיש, אַ שטייגער ווי „אַ לאַנגע נון״.

אין אַלגעמיין איז עס נישט גערעדט, נאָר געפאָנפעט.

אויב די פאָנפאַטע האַלטן נישט פון קיין „נון״, האַלטן די כאָרכלדיקע נישט פון קיין „ריש״. אַ וואָרט מיט אַ „ריש״ איז ביי זיי טריף ווי חזיר.

אין דעריבער ווען זיי דאַרפן זאָגן: „באַראַבאַנען אין אַ באַראַבאַן״ וואַרפן זיי אַרויס די „ריש׳ן״ און זאָגן: „פויקן אין אַ קעסלפויק״.

פאַראַן אַזעלכע ווערטער, ווו דער „ריש״ ווערט לחלוטין פון קיינעם נישט אַרויסגערעדט—אין „סמעטענע״, למשל.

אַ סך קלאַנגען ווערן, ווי קאַלאָשן אָדער אַ רעגנשירם, אָפט פאַרביטן, און דאָס איז דערפאַר, ווייל מען גיט אויף זיי נישט גוט אַכטונג.

די העברעיסטן, למשל, פון דער חברה „הספרדות״ האָבן אַ טבע צו פאַרבייטן דעם „ש״ אויף אַ „ט״:

„טאָט אנכי על אימראָטעכאָ!״

צוליב די קלאַנגען „ס״ און „ש״ איז צווישן די שטעדט קיידאַני (קאָוונער גובערניע) און סלוצק (סלוצקער אויעזד) אַ שטענדיקע מחלוקת. אין קאָוונע, למשל, זאָגט מען „יום הסיסי ויכולו האַסאָמאַים והארץ וכל צבאם״, זאָגן די סלוצקער זיי אויף צו־להכעיס: „שאַווריי מרנן ורבנן וראבײשיי״ און טוט זיי עפעס!

אין וואָלקאָווישקי איז פאַראַן אַ יודענע פון ווייבערישען געשלעכט, קאָן זי נישט אַרויסרעדן קיין „ק״. די דאָזעווודיקע

יידענע פֿון ווייבערשן געשלעכט האָט נישט געשטודירט מיינע זאַמלביכער פֿאַר פֿאָלקלאָר און פֿילאָלאָגיע, זי האָט נישט געלערנט די דיאַלעקטאָלאָגיע פֿון פֿלעקסיע און די אָרטאָעפּיע פֿון הידראָפּאַטיע, און זי ווייסט דעריבער נישט, אַז אין יעדן האַלדז (אַ חוץ אין האַלדז פֿון אַ פֿלעשל) געפֿינען זיך שטים-בענדער, אויף רוסיש הייסט עס „גאָלאָסאָוויע פּאָדוויאַזקי", אָדער אויף פּראָסט יידיש: סטענגעס. דערפֿון נעמט זיך, וואָס די קונצן-מאַכער שלעפּן סטענגעס פֿון מויל (מיין אייגענע ערפֿינדונג).

די דאָזעוודיקע יידענע האָט אויך נישט געשטודירט די פֿאָנעטיק פֿון די קאָנסאָנאַנטען און די אַרכיטעקטאָניק פֿון לונגען-לעבער און ווייסט דעריבער נישט, אַז אום אַרויסצוברענגען דעם קלאַנג „קקק", מוז מען צוערשט אַרויסלאָזן אַ שטראָם לופֿט פֿון חוט-השדרה גלייך אין דער געמבע אַריין. דער שטראָם לופֿט דאַרף דורכגיין פֿאַרביי די באַק-ציינער, אָנשטויסן זיך אָן פּאָדערשטן צאָן, אַרויספֿליען אויף דער פֿרייער וועלט, אָנשטויסן זיך אָן סופֿיט, צוריק אַריינגיין דורך די נאָזלעכער אין פּיסק אַריין, און דאַן ערשט זאָל מען אַ זעץ טון מיט דער לינקער פֿויסט אָן דער רעכטער באַק, אַזוי אַז עס זאָל זיך דערהערן בולטעוודיק דער קלאַנג „קקק"

די דאָזעוודיקע יידענע פֿון ווייבערשן געשלעכט ווייסט נישט פֿון די אַלע זאַכן און זי פֿאַרבייט דעם „ק" אויף אַ „ט". זי רופֿט, אַלזאָ, איר יונגעלע מיטן נאָמען: „טאָפּעלע טוטערעטו", הגם זיין אמת'ער נאָמען איז „קאָפּעלע קוקעריקו" (מיין טראַנסקריפּציע).

ווען די דאָזעוודיקע יידענע פֿון ווייבערשן געשלעכט, זאָגט אייך, למשל: „איך האָב היינטיקן פּסח דעפּונען צווישן צוויי האַלטעס אַ דריטע", הייסט עס, אַז היינטיקן פּסח האָט זי געפֿונען צווישן צוויי האַלקעס אַ גריקע, און מען דאַרף פֿרעגן אַ שאלה.

ווען די דאָזעוודיקע יידענע זאָגט אייך:

— איך דאַרף צו נח פּריוטקי אויף לעשאַכט און צוואַנטיס

ראָט טאַרמעלטקע, הייסט עס, אַז זי גייט צו נח פּרילוצקי, וואָס נעמט אָן טעגלעך פֿון 4 ביז 7 אויף לעש אַכט און צוואַנציק, רוג קאַרמעליצקע.

צום סוף מוז איך אייך מאַכן אַ מערקווירדיקע ענטדעקעניש! שאַט! הנה זייט וויסן, אַז ביי די ליטוואַקעס פֿעלט אינגאַנצן דער „דאָס"! מיר, למשל, האָבן אַ „דער", אַ „די", אַ „דאָס", און די ליטוואַקעס קומען אויס לחלוטין גאָר אָן אַ „דאָס".

נאָר דאָס איז אַלץ אַזוי זיך אויבנאויפֿעדיק, אין תּוך גענומען, איז די זאַך גאָרנישט אַזוי פּראָסט, נאָך אַ גענויער אונטערזוכעניש, האָב איך אויסגעפֿונען, אַז ביי די ליטוואַקעס איז דער „דאָס" דוקא בנמצא און טאַקי שטאַרק בנמצא. דער „דאָס" פֿאַרבייט ביי זיי כּמעט אַ האַלבע שפּראַך מיט ווערטער. מיט דעם „דאָס" דריקן זיי אויס די טיפֿסטע געדאַנקענישן און געפֿילעכצן. אַזוי, למשל, האָט ווען אַ באַראַנאָוויטשער ייד אַזוי געזאָגט: „דער דאָזיקער דאָס, האָט אויסגעדאָסט אַ שאַרפֿן דאָס, אַנטקעגן דער דאָסיכעס דאָזיקנס דאָס. איז דאָס מיר אַ ביסל דאָסיק: ווי קומט צו אַ דאָס — דאָס?"

הייסט עס, אַז „שמשון דער מילנער האָט אַוועקגעשטעלט אַ שאַרפֿן בנין אַנטקעגן זלאַטע-פּעסע-ראובן-יואל'ס שניט-קראָם. איז מיר קשה: ווי קומט צו אַזאַ קבצן געלט?

נאָר וועגן דעם דאָזיקן „דאָס" — אַן אַנדערש מאָל.

די אנטשטייונג פון פורים-שפּיל.

פון ד"ר שיפּער.

מיינע וויסנשאַפטלעכע פאַרשונגען פון אויבן און מיין טעכנישער אַפּאַראַט פון אונטן האָבן מיר געגעבן די מעגלעכקייט אויסצופאָרשן, אַז —

דאָס פורים-שפּיל שטאַמט אייגנטלעך נישט פון פורים, נאָר פון חמשה עשר בתמוז, דאַן ווען צום-גדליה האָט רעוואָלטירט קעגן תרחן.

שטיצנדיק זיך אויף דעם, האָט דאָס פורים-שפּיל באַדאַרפט אייגנטלעך הייסן חמשה-עשר-בתמוז-שפּיל, נאָר ערשטנס האָבן די גרינדער געוווּסט, אַז עס וועלן אַנטשטיין אַזעלכע געלערטע, וואָס עס וועט זיין פאַר זיי אַביסל שווערלעך אויסצורעדן אַ העברעיש וואָרט, ווי „חששה-עשר-בתמוז-שפּיל". והשנית, וועלכער משוגענער זאָגט דאָס חמשה-עשר-בתמוז-שפּיל? אַז שוין אַ נאָמען געבן, איז גלייכער אַ פּאָפּולערער נאָמען, אַ פאָלקסטימלעכע נאָמען. און וואָס איז נאָך אַזוי פּאָפּולער ווי דאָס וואָרט פורים-שפּיל? דעריבער האָבן זיי דאָס חמשה-עשר-בתמוז-שפּיל אַ נאָמען געגעבן פורים-שפּיל.

די דאָזיקע אַנטדעקונג באַווייזט באַשיינפּערלעך, אַז מיר יידן האָבן שטענדיק געהאַט פורים-שפּילער און לצים, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט זיך פאַרוואַנדלען אין סצענישע טיפּן און טריבונען, ווי: כעלעמבינא, ויזתאן, פלוידערינא און ד"ר מאָנדריש.

דער היסטאָרישער לץ שפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער פאָלקס-קאָמעדיע, וואָס מען רופט „קאָמעדיע דעל ספּאָדיקדריידעראַטאָ" אָדער „האַקן אַ טשייניקאַטאָ".

די דאָזיקע לצים צייכנען זיך אַממייסטן אויס אין די טיפּן פון ויזתא דער חכם, אחשורש דער וויזע און ושתי מיטן האָרן.

לויט די דאָקומענטן פון 17-טן יאָרהונדערט וואָס זענען אַנטדעקט געוואָרן אין מיטלאַלטער, פיער הונדערט יאָר פאַר דער

דריטער שפּאַלטונג אין דער לינקער פּ"צ, ווערט באַשריבן, ווּ אַזוי די דאָזיקע קאָמעדיאַנטן פלעגן אַרומפּאָרן איבער כעלמער קאַנט מ׳רסטנטייל פאַר די וואַלן און פלעגן דורך שאַלן און טרומייטערן רופן די כעלמער אויף כעלמיש:

— סעניארי כעלעמאַטי! ערעוואַטי דע האַלאַדראַטי!

דאַן פלעגן זיי זיך אויסשטעלן אויף די בינעס און פלאַט־פּאָרמעס מיט גרעגערס און פּויקן, מיט פייפלעך און קלאַפּערס.

וועגן די קאָסטיומען און קליידונג פון יענע קונצנמאַכער שרייבט דער באַוווסטער געלערטער פלוידערמאַכער, אין זיין בוך „עלינו לשבח", אַ בוך וואָס איז ערשינען פּונקט צוויי הונדערט יאָר מיט דריי חדשים פאַר דעם ערשיינען פון מיין בוך „די געשיכטע פון שלח מנות אין 14־טן יאָרהונדערט". ער שרייבט:

דער לץ פון יענער צייט פלעגט טראָגן אַ יאַרמולקע. אויף דער יאַרמולקע אַ שטריימל מיט גלעקלעך, אַ שוואַרצע בלוזע מיט ציצות, אַ פּאָר הויזן פון פאַרשידענע קאָלירן, איין העלפט אַ בלוי־ווייסע און די צווייטע אַ געל־רויטע. אויבן אַ פראַק און אַ רויטע פאַטשיילע פון הינטן.

איינער אַ קליינער פענעך־אקעלע פלעגט אויסשרייען:

— אַריין, אַריין שפרינגט דאָקטוס מאָנדריש צו מיין!

דאַן פלעגט זיך ווייזן דער ד"ר מאָנדריש אַליין און מיט אַ שטים פון אָפּערע־בופאַ פלעגט ער זינגען:

איך בין מאָנדריש, מאָנדריש דאָקטאָר,
איך בין אין לאַנד דער גרעסטער יאָקטער!
דער גרעסטער קעמפער רעוואָלוציאָנער
פון מאָסקווע, כעלם ביז גער
פון וואַרשע געגנט פון קאָלאָמייא,
פון פּומפּדיתו, ביז כאַלדייאַ.
קומט חברים פון אַלע עקן,
רעכטע, לינקע מיטלסטע פּעצעקן!
היינט איז פּורים מאָרגן אויס
מאַכט מיך פאַר אַ „פּאָסאָל"
און טרייבט מיך אַרויס...

די זיבעטע גרויסע מלוכה.

(פ ר ע ס ע).

מחמת די דאָזיקע גרויסע מלוכה האַלט אַליין אין איין שרייבן וועגן אַנדערע, האָבן אַנדערע וועגן איר ווייניק געשריבן, און דעריבער רעכן איך פאַר נויטיק צו געבן אַ קורצע אָפּהאַנדלונג וועגן דער דאָזיקער גרויסער וועלט־מאַכט.

ג ע אָ ג ר אַ פ י ע.

געפינען געפינט זיך די זיבעטע מלוכה ערגעץ צווישן הימל און ערד, גאַנץ אָפּט הייגנט זי אין דער לופט. צייטנווייז שוועבט זי אין עולם התהו און פאַרנעמט אַ שטח פון נישט־געשטויגן און נישט־געפלויגן. אַ דאַנק דער דאָזיקער געאָגראַפישער לאַגע אירער, קען זי קיינמאָל נישט פילן די ערד אונטער זיך.

ג ר ע נ י צ ן.

אָפּט גרעניצט זי זיך דורך פאַרשידענע געזעצן, סטאַטוטן און אַדמיניסטראַטיווע פאַראָרדנונגען. די גרעניץ פון אָנשטענדיקייט איז כמעט, אומבאַמערקבאַר. און דעריבער טרעפט, אַז זי גייט אַלע גרעניצן אַריבער. מיט די איבעריקע מלוכות לעבט זי נישט בשלום. שטענדיק זוכן יענע אירע גרעניצן צו פאַרשמעלערן.

ד י א ו י ב ע ר פ ל אַ ך.

די אויבערפלאַך פון לאַנד איז נישט אומעטום גלייך. איר געפינט דאָרטן זייער פיל פלאַכקייטן און זייער ווייניק געהויבענע ערטער. דערפאַר אָבער געפינט איר אין דער דאָזיקער מלוכה

א סך בלאָטעס און זומפּן, כאָטש אָפט באַגעגנט איר אויך טרוקענע ערטער און גרויסע מרחקים פון פוסטע וועלדער און וויסטע פעלדער. די באַוואַסערונג פון אַלע טיילן פון לאַנד איז אומגעהויער גרויס און אַ דאַנק די גרויסע באַסיינען און קאַנאַלן ציען די בירגער פון דער דאָזיקער מלוכה זייער היונה דערפון.

דער קלימאַט צייכנט זיך דאָרט אויס מיט זיינע שטענדיקע שנויים. שטענדיק בלאָזן דאָרטן אַנדערע ווינטן, דאָ פון מזרח, דאָ פון מערב. נאָר מערסטנטייל בלאָזט מען אָן דעם לעזער. עס טרעפט ביי זיי אויך אַ שטורם אין אַ לעפל וואַסער, געוויסערן, פאַרפלייצונגען א. אַז. וו. צייטנווייז פאַרשפרייטן זיך דאָרטן אַזעלכע טומאַנען, אַז מען ווייס נישט, אויף וועלכער וועלט מען איז. חדשים לאַנג קען דאָרט רעגענען אָן אַן אויפהער, ביז עס ברעכט אויס אַ מבול.

די באַפעלקערונג.

די באַפעלקערונג באַשטייט דורכאויס פון גרויסע מענטשן, ריזן. יעדער איינער איז אַ קאָלאָסאַלער זשעני. קיין קליינע מענטשן איז ביי זיי נישט פאַראַן. די באַפעלקערונג איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידענע ראַסן. נאָר דאָך גלויבט מען, אַז זיי שטאַמען אַלע פון קרחן, מחמת דער שלום־בית איז ביי זיי זייער שטאַרק. איר געפינט דאָרט אויך פיל וואַנדער־שבטים, וואָס וואַנדערן פון איין רעדאַקציע אין דער צווייטער. קיין באַשטימטער קאָליר פון דער הויט איז ביי זיי נישטאָ, מאַנכע זענען שוואַרץ, גראָ, רויט, בלאָ, נור מערסטנטייל זענען זיי געל. איר געפינט דאָרט אויך פאַרשוינען גאָר אָן אַ קאָליר.

אינדוסטרי און האַנדל.

מיט וואָס באַשעפטיקן זיך די איינוואוינער פון דער זיבעטער מלוכה? זייער הויפט באַשעפטיקונג איז יאַגד, הרגענען צייט, יאָגן זיך נאָך דעם שיינעם געשלעכט און כאַפּן לעזער. זיי פאַרנעמען זיך מיט פאָרצעליי־קונסט: זיי האַקן אַ טשייניק, מיט מאַטעמאַטיק־ציילן שורות, פאַרקמאַכעריי—זייפן אָן אַ מאָרדע.

אויסער דעם שטויסן זיי וואַסער, האַנדלען מיט פֿ ע ד ע ר ן פֿאַבריצירן סענסאַציעס, פֿליאָסקעס. נאָר מער פֿון אַלץ איז ביי זיי אַנטוויקלט דאָס פֿאַך, וואָס הייסט „ליטעראַרישע קלעפּטאָמאַניע” אָדער פּ ל אַ ג י אַ ט. אין דעם פֿאַך האָבן זיי צו זיך קיין גלייכן נישט.

די שפּראַך.

די שפּראַך זייערע איז נישט אַלע מאָל דרוק־פֿעיִק און סאַלאָן־פֿעיִק. אַנדערע רעדן אין פּראָזע און אַנדערע אין גראַמען. מען רעדט צו דער וואַנט, צום לאָמפּ. מען רעדט על העצים ועל האבנים. זיי רעדן זייער אַ סך און דאָך קענען זיי זיך נישט צונויפֿרעדן... צוליב די ניין מאָס רייד און דעם שוואַכן אינטעלעקט איז שווער אונטערצושיידן דעם מין זכר ונקבה. גרויסע שפּראַכן־קענער האָבן אויסגעוויזן, אַז לויט דער אָרטאָגראַפֿיע שטאַמען זיי פֿון דעם דור־הפלגה. מען זאָגט, אַז מען געפֿינט ביי זיי אָפֿט אַ פּראָזע אָן זידל־ווערטער, נאָר ס'אַ ליגן.

ב ע ל י ־ ח י י ם (פֿאַאונע).

פֿון די בעלי־חיים געפֿינט איר דאָרטן כמעט פֿון אַלע מינים. פֿון אַ ווזל־טיר ביז אַ בופֿל־אָקס, פֿון אַ מויל־אייזל ביז אַ פֿיפֿערנאָטער. דאָ און דאָרט באַגעגנט איר דעם הירש וואָס הייסט צ ב י. איר באַגעגנט אויך אַ ה י ר ש און ה אָ ר ן, וואָס לעבט פֿון קוואַלן וואַסער, ווי אין פּסוק שטייט „כאַל תערג על אפיקי מים”. איר באַגעגנט אויך אַ חיה מיט איין ה אָ ר ן, וואָס הויערט אויף די געמויזעכצן. איר האָט דאָ אויך דעם באַקאַנטן ב י ב ע ר, וואָס אָנשטאָט אויסצוטראָגן און האָבן ביבערלעך, ווערן ביי אים געבוירן ק אַ ט ש ק ע ס. איר געפֿינט דאָרט אויך חיות, וואָס האָבן ליב צו קייען שטרוי, גראַבלען מיט די נעגל און בייסן מיט די ציין. איר געפֿינט דאָרט אויך ווערים, זשוקעס, וואָס קוואַקען, קראָען וואָס קראַקען, מיט איין וואָרט פֿון כל המינים. ווי אַזוי מען קאָרמעט זיי, קענט איר זען אויף טלאָמאַצקע 13.

געפליגל.

פון דער פייגל־וועלט געפינט איר דאָרט דעם מין שוואַלב (פאָליטיקוס־באַלאַמוטיקוס), ווי אויך דעם סתם פויגל און נאָך אַ גוזמא פלערליי זינגער און זינגערלעך, און נאָך אַ גרויסע מענגע געפליגל פון אַלע סאָרטן מיט פאַרשידענע פעדערן און וואָס בייטן זייערע פעדערן צען מאָל אַ טאָג... נאָר אַממערסטן פיטערן זיך דאָרט אויס קאַטשקעס. פאַראַן אַזעלכע אַגענטורן וואָס האָדעווען זיי איבער דער גאַנצער וועלט.

געפלאַנץ (פלאָראַ).

די בלומען־שפּראַך (פראַזעלאָגוס־פלוידערזאַקוס) בליט דאָרט בשפע. דאָס דאָזיקע געפלאַנץ שפּראָצט דאָרטן נישט אויף שטענגלעך און צווייגן, ווי עס פירט זיך אין דער באָטאַנישער וועלט, נאָר זיי וואַקסן גאָר אויף די בלעטער. די בלעטער בייטן אָפט זייער קאָליר לויטן סעזאָן, נאָר דאָס רוב בלייבן זיי געל. צווישן די געלע פלאַנצן איז פאַראַן אַ גרין־בוים, וואָס פאַרבט זיך בלאָ־ווייס און גיט ארץ־ישראל־פירות, ווי למשל, פייגן. דאָ וואַקסן אויך ירקות און קרייטעכצער, ווי למשל, פעטרושקע. אַ גרויסע פלאַנטאַציע פון קאַווע א. אַז. וו.

„כּאַן"

(אַן אַנטיסעמיטישער רעפעראַט.)

אויף וויפיל די גאַנצע וועלט ליגט אונטערן איינפלוס פון ייִדן און ייִדנטום, אויף וויפיל דער זשידאָווסקער גייסט דאָמינירט איבער אַלץ און אַלעמען, איז גענוג בלויז אָנצוווייזן אויף דעם פאָלגענדן סימפּטאָמאַטישן פאַקט, אַז —

אַלע ווערטער, באַגריפן און אומשטענדן הויבן זיך אָן מיט דעם נאָמען קאָן.

„קאָן", „קאָן" — ווו דו זאָלסט זיך נישט קערן און ווענדן. אָנהויבנדיק מיט די וויכטיקסטע און באַדייטנסטע פאָרמען פון סאָציאַל-פּאָליטישע פונקציעס ביז צו די קליינע אומבאַדייטנסטע דערשיינונגען פון אונזער טאָג-טעגלעכן לעבן — אַלץ ציט זיין אָפּשטאַמונג פון פאַטאַלן נאָמען קאָן, קאָן, קאָן.

די גאַנצע פּאָליטישע טערמינאָלאָגיע הויבט זיך אָן מיטן נאָמען קאָן.

קאָנגרעס, קאָנסטיטוציע, קאָנסערוואַטיזם, קאָנפערענץ, קאָנווענט, קאָנסולאַט, קאָניוקטור...

ער, דער קאָן, איז דער אָנהויב פון אַלץ, דער בייזער נאָמען, מיט וועלכן עס הויבן זיך אָן די באַגריפן פון אַלע אונזערע לעבנס-פאָרמען און געגנשטאַנדן, פון אַלע לאָזונגען און פּראָגראַמען.

אים, אָט דעם דאָזיקן „קאָן", געפינט איר אין גאַנצן פּאָליטישן לעקסיקאָן.

קאָנסאָלידאַציע, קאָנפעדעראַציע...

אין אַלע טרויעריקע קאָמפּליקאַציעס געפינט

איִר איִם. און ווי קאָנקורענציע שטעקט ער. איִן קאָנצענטראַציע פֿון קאַפּיטאַל איִז ער פֿאַרטראָטן און אויך איִן קאָנפֿיִסקאַציע פֿון קאַפּיטאַל איז ער וויִדער דאָ.

ער איִז דער, וואָס ברייִנגט דעם קאָנפֿליִקט. ער איִז דער, וואָס קלעפּט צוזאַמען–סיִנדעטיקאָן איִז זייִן סיִמבאָל.

און ניִשט נור איִן וועלטלעכע ענינים דאָמיִניִרט ער, נאָר אפֿילו איִן רעליגיעזע עִנינים איִז ער אויפֿן ערשטן פּלאַץ. מיט איִם הויבן זיך אָן אפֿילו זאַכן, ווי: קאָנגרעגאַציע, קאָנסיִסטאָריום, קאָנפֿיִרמאַציע, קאָנפעסיאָנאַליִזם...

וואַטיִקאַן–איז אויך ניִשט מער ווי וואַטיִקאָן.

אפֿילו איִן די הייליקע פֿון אונזערע הייליִקסטע איִז ער פֿאַראַן–איִקאָנאַ.

„קאָן"– ר גיִט דעם טאָן; ער קאָנסטרויִרט אונזערע לעבנס-פֿאָרמען, ער שאַפֿט דיִ קאָנצעפּציע פֿון אונזער איִדעאָלאָגיע, ער קאָנסאָליִדיִרט אונזערע קלאַסן- און פּאַרטיי-טעטיִקייט.

קאָן, קאָן, קאָן...

אַלץ לעבט פֿון איין שורש, אַלץ ציִט פֿון איין מקור—קאָן.

ער איִז דער לייטער, ער איִז דער פֿיִרער.

קאָנדוקטאָר–איִז זייִן נאָמען.

ער איִז דער, וואָס האָט דיִ גאַנצע מוזיִק פֿאַרכאַפּט און זיִ פֿאַרייִדיִשט מיִט זייִן פֿאָרנאָמען:

קאָנסערוואַטאָריע קאָנטראַאַלטאַ, קאָנקאָרדאַנציע, קאָנטראַפּונקט, קאָנצערט א.אַז.וו.

ער איִז דער, וואָס האָט געשאַפֿן די מיִאוסע זאַך,—די קללה פֿון יעדען טעאַטער-אונטערנעמונג —

קאָנטראָמאַרקע...

און ווער רעדט איִן מסחר און פֿיִנאַנץ-וועלט איִז ער דער אָנהויב און דער סוף, זייִן גייסט.

כמעט אַלע ווערטער, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער

מסחר־וועלט הויבן זיך אָן מיט קאָן.

קאָנטאַקט, קאָנאָקורענציע, קאָנצעסיע קאָנטאָ, קאָנקראַדסטוואָ, קאָנטראָל, קאַנטאָר, קאָנטראָבאַנדע.

אפילו קאָנבינאַציע און קאַנקולאַציע, וועלכע ער האָט כדי צו מאַסקירן פאַרטוישט דעם „נ״ אויף אַ „מ״ און אַ „ל״ (קאָמבינאַציע, קאַלקולאַציע).

און ווילט איר, איז ער אפילו אין עסנוואַרג אויך פאַרטראָטן:

קאָנסערוון, קאָנפיטורן, קאָנדעסן, קאָנפעקטן, קאָנפאָט...

יידן באַרימען זיך מיט זייער ניכטערקייט. פון וועמען שטאַמט דאָס וואָרט—

קאָניאַק?!!

קאָן, קאָן און ווידעראַמאָל קאָן.

יאָ, איך קאָנסטאַטיר, אַז ער, דער קאָן האַלט די גאַנצע וועלט אין איין לאַנגער קאָנוווּלסיע און ער דאַרף טראָגן די קאָנסעקווענצן.

ער איז דער אָנהויב פון אַלץ און דער סוף פון אַלץ. די אַלפאַ און אָמעגאַ פון אונזער לעבן. וועגן אים דעם קאָן האָב איך געהאַלטן מיין רעפעראַט און מיט אים מוז איך אפילו יעצט ענדיקן—קאָניעץ!

יום-טוב׳דיגע ליטעראטור.

(א לעקציע.)

מיינע דאמען און הערען.

ווען מיר רעדען וועגען יום-טוב׳דיגע ליטעראטור, מיינען
מיר כלל ניט די ליטעראטור, וואס איז „יום-טוב׳דיג“, ווארום יום-
טוב׳דיגע ליטעראטור קען גראדע זיין ניט גאר „יום-טוב׳דיג“,
פונקט, ווי א לידעל וועגען א פויגעל קען זיין גאר ניט „פויגעל-
דיג“ און ווי אנ׳ארטיקעל וועגען געזונד גיט מאנכעסמאל קיין
געזונד ניט צו. מיר רעדען פשוט וועגען דעם סארט ליטעראטור,
וואס ווערט געשריבען לכבוד יום-טוב.

יום-טוב׳דיגע ליטעראטור, — דאס איז אזא מין סארט
אינדוסטריע, וואס ווערט זעהר שטארק פראדוצירט אין א פאר-
יום-טוב כעזאן. און אזוי ווי יעדער איינער איז נייגעריג צו וויסען
ווי אזוי אזא מין סארט „סחורה“ ווערט געמאכט, געבען מיר אל-
זא א גענויע אבהאנדלונג וועגען דאז שאפען, פראדוצירען און
טעכניק פון דער דאזיגער פאר-יום-טוב׳דיגער „סחורה“. און טא-
מער וועט זיך טאקי איינער א שלימזל, ווען עס געהט, לא
עליכם, ניט אין קיין אנדער מלאכה, ווי מאכען שוה-וואקס, זייף,
טינט שמאראווידלי און נאך אזעלכע שמירעכצען, וועלען אריבער-

געהן אין דער נייער בראַנזשע פֿון יום-טוב'דיגע ליטעראַטור-מאַכע-ריי, זאָל ער וויסען, ווי אַזוי דאָס ווערט געמאַכט. אייגענטליך איז עס נים גאָר נויטיג. מחמת מאַנכע פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע ליטעראַטור-מאַכערס הויבען נים אָן צו וויסען ווי אַזוי מ'מאַכט עס און שאַפֿען סיי ווי סיי...

יום-טוב'דיגע ליטעראַטור, ווי ליטעראַטור אין אַלגעמיין, צוי-פֿאַלט אויף 4 צווייגען:

1) פּובליציסטיק אָדער לייט-אַרטיקלען.

2) בעלעטריסטיק אָדער ערצעהלונגען.

3) פּאָעזיע אָדער לידער

די קונסט פֿון שרייבען יום-טוב'דיגע לייט-אַרטיקלען בעש-טעט אין דעם, וואָס איהר מוזט דעם יום-טוב איינזעצען און אויסטייטשען לויט דער וועלט-אַנשויאונג און פּאַרטיי-פּראָגראַם, וואָס איר רעפּרעזענטירט. דאָס איז אייגענטליך ניט גאָר שווער, מחמת אַ יודישער יום-טוב איז געגליכען צו אַ גומילאַסטיק און צו דעם מן אין מדבר. איר קאָנט אים ציהען אין וועלכע ריכטונג איר ווילט און געפֿינען דאָרט וועלכען טעם איר ווילט.

אַזוי, למשל, ווען עס קומט דער ליבער פּסח און איר זענט אַ נאַציאָנאַליסט, איז אייך גוט ווי די וועלט. איר קענט גלייך אַרויס מיט לשון:

אָה, הייליגער יום-טוב! אָה, הייליגער פּסח! אָה, געטליכער משה!... אָהאָ! יום-טוב בעפֿרייאונג! אָה, בעפֿרייאונגס-יום-טוב! אָה, ליכטיגער פֿייערדיגער עמוד האש פֿון אונזער גלות-יועג! אָה, זמן חרותינו! דער יום-טוב פֿון אונזער פֿלאַקערדיגען בעוואוסטזיין און בעוואוסטויניגען פֿלאַקער! דער צ:יבערדיגער כשוף-דענקמאָל פֿון אונזער בעפֿרייאונג און די בעפֿרייאונג פֿון אונזער כשוף'דיגען דענקמאָל! דער יום-טוב פֿון נאַציאָנאַלען פֿאָלקס-שטאָלץ און דער שטאָלץ פֿון דער פֿאָלקעדיגער נאַציאָן! אַ דער גלות! אַ ישראליק אָ! אָ! אָ!...

אז"וו, אז"וו. איר קענט די דאָזיגע השתפכות הנפש אָנהאַל-טען, ווי לאַנג איר ווילט.

דאָס זעלבע, ווען איר זענט אַ ראַדיקאַל, אַ פֿאַרגעשריטענער, אַ לינקער, קענט איר דעם גאַנצן יום־טוב נעהמען אויף דעם גאָר ראַדיקאַלישען צימבעל:

משה! וועלכער האָט געפֿירט די אַרבייטער קלאַסע מיט דער מאַסע לויט זיין רעוואָלוציאָניסטיש־מאַרקסיסטישען פּראָגראַם, האָט זיך ניט געקענט צופּאַסען צו די סאָציאַל־עקאָנאָמישע בעדינגונגען און עקאָנאָמישע לעבענס־פֿאָרמען פֿון פּתום ורעמסות און דעריבער האָט ער געקעמפֿט מיט די פֿינסטערע אָרטאָדאָקסען און פֿאַנאַטיקער, מיט זייערע פֿאַרשימעלטע מנהגים, ווי בעור־חמץ, אַפּיקומן, הגדה, און מיט אמת'ר פּראָלעטאַרישע בעגייסטערונג האָט ער געשריען: נידער מיט דעם חרוסת!

אין פֿאַל ווען, איר זענט אַ איד פֿון אַ גאַנץ יאָר, ניט מילכיג ניט פֿליישיג, נאָר אַזוי זיך אַ פּאַרעווער יוד, הייסט עס, און איר ווילט שרייבען אַ יום־טוב'דיגען לייט־אַרטיקעל פֿאַר אַלע פּאַרטייען און יוצא זיין פֿאַר דער גאַנצער וועלט, קענט איר זיך בענוצען מיט פֿאָלגענדען קורץ־שורה־דיגען נוסח:

פּסח

מילא, פּסח איז פּסח!
וואָרום פּסח איז ניט שבועות,
און ניט חנוכה,
און ניט פּורים,
און ניט שושן־פּורים אַפּילו.
אָ, ניין, פּסח איז ניט קיין העגגלייכטער,
און ניט קיין ניי־מאַשין,
און ניט קיין עראָפּלאַן.
פּסח איז פּסח!
און פּסח איז אַ יום טוב!
אַ יום־טוב איז פּסח!
פּסח אַ יום־טוב איז!
און אַזוי כסדר.

ווי איר זעהט איז דאָס נאָר אַ גלענצענדער

נוסח. ראשית, אויב איר שרייבט פון שורה, קענט איר ממש גליקליך ווערען. והשנית, דאַרפט איר קיין סך ווערטער אויך ניט האָבען. מיט דריי ווערטער קענט איר אויפטהון גרויסע גבורות. איר דאַרפט בלויז די דריי ווערטער בייטען און טאַשען ווי קאָרטען אָדער, להבדיל, ווי דעם „לישועתך קויתי ד׳״ אָדער דעם „מכשפה לא תחיה״.

אין פאַל, ווען דאָס איז אייך אויך שווער, איז דאָ נאָך אַ מיטעל: איבערשרייבען אַ פאַראַיאָריגען אַרטיקעל. איר קענט אַפילו נעמען אַ סוכות׳דיגען אַרטיקעל און איבערשרייבען אויף פסח, אָדער אַ שמיני-עצרת׳דיגען—אויף שבת-נחמו. איר דאַרפט בלויז דעם נאָמען פון יום-טוב אומבייטען און יוצא.

אַצינד געהען מיר איבער צו דעם צווייטען מין ליטעראַטור וואָס רופט זיך בעלעטריסטיק אָדער ערצעהלונגען.

מיטלען, ווי אַזוי צו שרייבען יום-טוב׳דיגע ערצעהלונגען, זענען פאַראַן עטליכע: דאָס בעסטע מיטעל איז צונעמען אַ געוועניכען כתב-יד (און וועלכער יוד האָט עס ניט קיין כתב-יד?), עפּעס אַן׳ערצעהלונג, אַ מעשה מיט אַ רב מיט אַ רביצין, צי מיט אַ כלי-נעזישען באַגדיכאַן, אָדער פון 12 גזלנים מיט אַ בת-מלכה, און פון אויבען אויפשרייבען: אַ מעשה לכבוד פסח, סוכות, שבועות— עס ווענד זיך, אויף וועלכען יום-טוב איהר ערצעלונג געהט.

זאָל אייך ניט אַרען, טאָמער געפינט זיך ניט אין דער גאַנצער ערצעלונג קיין זכר און קיין רמז פון דעם אויבענדערמאָנטען יום-טוב. קיין גרעסערע דאגות זאָלען מיר ביידע אויף אונזער גאַנצען לעבען ניט האָבען.

ווילט איר נאָך מער יוצא זיין, ניט איר צו צום אָנפאַנג פון אייער ערצעלינג נאָך אַ שורה: „געווען איז עס אום פסח״, צי אום „סוכות״, צי אום „שבועות״. און טאָמער געפינען זיך אין אייער ערצעלונג דאָרט אַזעלכע אויסדריקען ווי „דער טייך האָט זיך געשטעלט״, „אויפ׳ן פעלד האָט מען געשניטען קאָרען״, „געלע בלעטער זענען פון די ביימער געפאַלען״ וכדומה אַזעלכע פראַזען וואָס פאַסען גאָרניט צו דער בעטרעפענדער צייט זאָלט איר זיך אויך דאָס האַרץ ניט אָבעסען. אַלמאי וואַקסען ביי אונז „צעדערען אין שקלאָוו״? אַלמאי שטעהט ביי אונז „אַ לבנה-

נאַכט אין סוף חודש"? וכדומה אַזעלכע נאַטירלעכע ערשיינונגען?

ווילט איר, אַז אין מיטן פון אייער ערצעלונג זאָל אויך דערמאָנט ווערן דער יום־טוב, קענט איר עס טון אויף אַזאַ אופן: למשל אין אייער ערצעלונג איז דאָ אַ העלד, און דער העלד דאַרף זיך דערוואַרגען, דאַן קענט איר דעם יום־טוב דאָ זיכער אַריינקוועטשן: אום פסח, למשל, וועט איר אים דערוואָרגען מיט אַ קניידעל, אום פורים — מיט אַ המן־טאַש, אום סוכות — מיט אַ לולב אז"וו.

טאָמער האָט איך גאָט מזכה געווען מיט אַ קאַפּריזנעם רעדאַקטאָר אָדער אַרויסגעבער, וואָס וויל דורכאויס, אַז אייער ערצעלונג גופא זאָל זיין טאַקי פון דעם עצם יום־טוב, דאַרפט איר אויך ביי זיך ניט פאַרבפאַלען. נעמט אַ פעדער און שרייבט אַ יום־טוב־בילד. אין אַ נויט קענט איר שרייבן גאָר "יום־טוב־זכרונות פון די קינדער־יאָרען", און דאַן האָט איר פאַר קיין קריטיקער ניט, וואָס מורא צו האָבן, און נ"ט דער רעדאַקטאָר און ניט דער אַרויסגעבער וועלען אייך קענען אַנווייזן אויף חסרונות, וואָרום מאַלע וואָס אַ קינד קען אָבטון...

על כל פנים הויבט איר אָן:

עס גייט צו פסח, דער טרעגער האָט געבראַכט מצה,
האָט אויסגעשטעלט די מצה. איך האָב גענומען אַ שטיקעל
מצה, געגעסן מצה. דער טאַטע האָט געמאַכט קניידלאַך.
די שוועסטער האָט געשטויסען חרוסת. די דינסט האָט געלעגט
אַן עירוב־תבשילין אז"וו.

האָט האָט איר אַן אמת פסח־בילד, אַ ריכטיגע נאַטור־טרייע יום־טוב'דיגע שילדערונג מיט אַלע קלייניקייטן.

יעצט קומען מיר צו דעם שווערסטן טייל פון אונזער אָבהאַנדלונג — צו דער פּאָעזיע.

פּאָעזיע, ווי בעוואוסט, אונטערשיידט זיך פון פּראָזע דורך גראַמען. שרייבט איר גראַמען, הייסט עס, אַז איר זענט אַ פּאָעט און איר שרייבט פּאָעזיע. למשל, ווען איר זאָגט: "דו ביזט אַ פּעטאַק, אַ לאָקש, אַ חזיר, אַ ניכפה זאָל דיר כאַפּען", הייסט עס פּראָזע. גאָר ווען איר שרייבט:

חר״ק, חריוק!
חזיר שנוק!
גיב זיך אַ רוק!
דו ביסט אַ חמריוק!

הײַנט עס פּאָעזיע. אַזוי איז ווען איהר ווילט שרייבען יום-טוב-פּאָעזיע דאַרפט איר גוט אַכטונג געבען אויפ׳ן גראַם, מחמת דער געדאַנק און דער אינהאַלט אין פּאָעזיע איז לוא דוקא.

דאָ האָט איר אַ מוסטער פון אַ פּסח-ליד:

פּערצען טעג אין ניסן
דאַרפען אַלע וויסען,
אַז פון ברויט דאַרף מען נ׳ט נעניסען.
און מען דאַרף ניט פערגעסען,
אַז נור מצות דאַרף מען עסען.
די מצות דאַרפען זיין אָן שמאַלץ,
אָהן פּוטער און אָהן זאַלץ.

אז״וו אז״וו.

פּסח איז איבערהויפּט אַ גליקליכער יום-טוב פאַר לידעל-שרייבער. אום פּסח האָט איר אַזויפיל זאַכען, מאכלים און אַטרי-בוטען, אַז איר קענט אויף יעדע זאַך מאַכען אַ לידעל. מצה, הגדה, מרור, כוסות, אַרבעה בנים, מכות, חרוסת, קניידלעך, חרעמ-זלעך און יעדע זאַך בעזונדער איז אימשטאַנד צו בעגייסטערען דעם אמת׳ען פּאָעט, און איר קענט ממש שיכען מיט לידלעך, ווי נון אַ לעבערדיגען זאַק...

אָט זעט איהר ווי אַזוי אַ אוד איז בודק חמץ און איר שרייבט אַ ליד:

ער טוט אין אַלע לעכער קריכען
דאָס טוט ער ברויט זיכען
ער זוכט און טאַפּט,
מיט׳ן לעפעל קלאַפּט
און מיט׳ן פלעדערוויש ווישט
און ער שאַרט און ווישט.
אַלץ אום ער זאָל קענען

מאָרגען דעם חמץ פֿערברענען...

דער זעהט איר ווי, מען שטייסט חרוסת, שרייבט איר אַזאַ ליעד:

אַז מען איז אַ גוסס
קען מען ניט שטויסען קיין חרוסת.
חרוסת עסט מען צו די ארבע כוסות.
חרוסת מאַכט מען פֿון ניס.
פעטשא מאַכט מען פֿון קעלבערנע פיס...

אָט דאָס איז די מעטאָדע, ווי אַזוי צו שרייבען יום-טוב'דיגע ליטעראַטור. ווי איר זעהט, איז עס גאָר ניט אַזוי שווער.

ציבעלע.

(אַ קאַפּיטעל פּאָפּולערע וויסענשאַפט נאָך ב. פּײַנענבוים).

די פילאָלאָגיע.

ציבעלע הייסט אויף רוסיש ציבוליאַ, אויף פּויליש—פשעציבוליאַגאָ, אויף פראַנצויזיש — ציבוליאַן, אויף דייטש — צאַ-באָליאַ, אויף איטאַליעניש — ציבוליאַטאָ, אויף לאַטייניש — ציבו-לידראַטוס, אויף היספּאַניש — ציבוליקאַדאָראָ, אויף כינעזיש — ציבו-לי-כו-שינ-שאַן, אויף האָטענטאָטיש — ציבולי-דו-דו, אויף בוש-מעניש — ציבולידריפּאָ, אויף אַראַמיש — ציבעלותאָ, אויף ציגיי-נער-לשון — ציבעלעקוטשע-מעטשאַ...

די וויסענשאַפט.

ציבעלע איז אַ מין סאָרט געוויקס — זאָגען די פראַנצויזישע געלעהרטע — וואָס וואַקסט פון דער ערד און דוקא אי-זומער און דוקא אין אַ גאָרטען, וואָס האָט אַ געפלאָכטענעם פלויט. און טאָמער האָט דער גאָרטען קיין געפלאָכטענעם פלויטן וואַקסט עס אָהן דעם אויך. די דייטשע געלעהרטע זענען מיט זיי מסכים. עס וואַקסט אין אַלערליי גרויס. אַ גרויסע ציבעלע הייסט ציבעלע. אַ קליינע ציבעלע הייסט: ציבעלקע. און נאָך אַ קלענערע הייסט: ציבולקעלע. און נאָך אַ קלענערע הייסט: קלייניקע אָדער מאָנטשינקע ציבולקעלע.

די נוצען.

עסען עסט מען ציבעלע מיט רעטאך, מיט שמאלץ, מיט אייער, מיט אוגערקעס און מיט לעבערלעך, נאר אז מען וויל, קען מען די אלע זאכען עסען אהן ציבעלע.

געשמאק איז ציבעלע ניט ווי אנאנאס, למשל, און דער ריח פון א ציבעלע איז ניט ווי דער ריח פון אפעלסינען, אדער אתרוגים, פונדעסטוועגען עסען דאס יודען צו די סדרים. נאר אונטער אנ'אנדערען נאמען: „פעטרישקע". זיי שניידען דאס טאג־לעך, אבער ווייס און טונקען איז זאלץ־וואסער און מאכען דערביי ניט „שהחינו", ווי למשל, אום ראש־השנה צו די ווייניטרויבען.

פילאזאפיע און מעטאפיזיק.

א מאדנע פערבארגענע קראפט פערמאגט א ציבעלע דער־מיט, וואס זי רופט־ארויס מענשליכע טרעהרען. דיזע ערשיינונג איז נאך ביז צו היינטיגען טאג איינע פון די גרעסטע און טיפ־סטע נאטור־סודות, וואס דער מענשליכער פערשטאנד איז ניט ביכולת צו בעגרייפען. דער כעמישער אנאליז האט בעוויזען, אז די טרעהרען, וואס א ציבעלע רופט־ארויס, און די טרעהען פון א פרוי, ווען זי פערלאנגט א נייעם הוט, און די טרעהרען, וואס ווערען ארויסגערופען ביי אונזערען א טראגיקאמישען פורים־שפיל, — זענען פון איין און דעמזעלבען סארט, דעריבער רופט מען זיי אלע — ציבעלע־טרעהרען.

קאָנפעטי

דער פּאָעט.

איך בעזינג נאַטור און געגענד,
די לבנה, שטערן, זון,
גרינע לאָנקעס, טייכלען, בלומען,—
אָסור, אויב איך ווייס דערפון —
אַז איך וואוין גאָר אויף אַ בוידעם
זעה נאָר הענגען ברודנע גרעט,
פּאַנאָראַמעס — שוואַרצע דעכער.
און איך הייס: נאַטור-פּאָעט.

איך קען זינגען אויך פון ליבע,
פון אַ מיידעל, קלאָר ווי שניי,
פייער-אויגען, גאָלדען-לאָקען,
בעקלעך — ווי די רויזען צוויי,—
און זיך האָבען אַ בעשערטע —
אַ געמעלעכץ פון אַ שד,
אַ פערזעהעניש אַ מוזע
פאַר דעם ליבענדען פּאָעט.

ווילט איהר, זינג איך פון אידעען,
פון דעם שטרעבען הויך און ריין,
פון די שענע אידעאַלען,
פון דער טוגענד... און אַליין —
אַי, רבותי, בין איך זינדיג,
ממש איינגעטונקט אין חטא;
בין אַנ'אָלטער בעל-עבירה
און פון טוגענד אַ פּאָעט.

הערט איהר זינגען מיר פון פרייהייט,
און פון קאַמף און העלדענטום,
פון געפעכט און באַריקאַדען,
פון דער פאָהן בעשפריצט מיט בלוט —
זאָלט איהר וויסען, אַז איך ליג שוין
גוט בעהאַלטען אונטער בעט,
און עס וואַרפט מיר אין קדחת,
דען איך בין אַ קאַמפּס-פּאָעט!...

כ'זינג אויך פון דעם פּראָלעטאַריער,
פון מאָזאָליעס אויף די הענד,
פון מאַשין און שווערער אַרבייט
אָהן אַ סוף און אָהן אַנ'ענד —
אין אַליין דאָך מעסט די גאַסען
פון פריהמאָרגען ביז'ן שפּעט:
טו קיין האַנד אין קאַלטע וואַסער,
דען איך בין דאָך אַ פּאָעט!

איך בעזינג די קינסט און שענהייט,
און די געטליכע האַרמאָניע,
רייכע פאָרמען און עסטעטיק,
און די שענהייטס-פּאָעזיע: —
דאָך ביי מיר דער ראָק, מחילה,
איז צוטרענט אויף אַלע נעט
און די פלודערלאַך פערשליומפערט,
ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּאָעט.

דער מאָדערנער נביא און דער גראַם.

אָ, נישט מיט טינט שרייב איך, מיט בלוט !...
און מיינע ווערטער זענען שטיקער האַרץ.
אין מיינע ביינער ברענט אַ ווילדער גלוט. —
איך ווער פאַרברענט פון מענטשן-שמאַרץ !...
און רייסט פון גומען אויס מיין צונג, —
איך ציטער פאַר קיין עשאַפאָט !
פאַר קאַזעמאַטן, שווערדן-קלונג ! —
איך בין פראָפעט געשיקט פון גאָט ! !...
און זאָל איך הערן שווערע קייטן קלינגען,
וועל איך מיין ליד, אָ, פאַר דער מענטשהייט זינגען !...
איך קען נישט שווייגן, ווען איך פלאַם פון צאָרן !
די וועלט, אוי וויי ! זי גייט אין בלוט פאַרלאָרן !...
אין שאנד און רויב פאַרכליאָבעט ווערט די מענטשהייט...
די מענטשהייט... המם... אַ גראַם... איך דאַרף אַ גראַם
צו מענטשהייט...
די מענטשהייט... בענטשהייט... גענטשהייט... כ'בין פאַרלאָרן ;
נישטאָ קיין גראַם, צו אַלדע שוואַרצע יאָרן !...
טאָ וואַרט־זשע... איך וועל מיר אומדרייען די שורה,
פיליכט באַקומט עס דאַן אַנ'אַנדער פורה :
די מענטשהייט ווערט אין בלוט פאַרכליאָבעט...
פאַרכליאָבעט... שצאָבעט... זשאָבעט... שקראָבעט...
נישט גוט... פיליכט אַזוי... למשל :
עס גיסט זיך בלוט אַזוי ווי ראָסל !...
די מענטשהייט ווערט פון בלוט פאַרפאַטשקעט !...
פאַרפאַטשקעט... קאַטשקעט... מאַשקעט... ראַטשקעט...

ס׳איז צרות !... שטייט-זשע !... אפשר גאָר : פאַרכלינעט !...
פאַרכלינעט... אינעט... בינעט... גינעט...
אַהאַ !... איך האָב !... די וועלט איז גוסס !...
איז גוסס... רייסעס... און חרוסת...
חרוסת גאָר ?... די מענטשהייט מיט חרוסת ?...
ווי קומט חרוסת ז׳מיטן דרינען ?
אוי גוואַלד, אַ נראַם !... כ׳פאַרליר דעם זינען !
נישטאָ קיין גראַם... צו אַלדע קלאָגן !...
כ׳מוז מיין נביאות לאָזן... נישט דערזאָגן...

דער הומאריסט.

ווען איהר זעהט איהם ווי ער זיצט אַזוי אין טרויע
און צורייצט:
דעם שטערען טיף צוקנייטשט
און קראַצט זיך יעדע רגע אונטער אויער,
עצבות'דיק און זויער,
ווי ער וואָלט, חלילה, שבעה יעצט געזעסען
און זיין פנים—ווי ער וואָלט אין מיטען דרינען
אָנדערטהאַלבען [illegible] ציטערינגען
אויפגעגעסען, —
מיינט ניט, אַז ער איז, חלילה, ניט בקו הבריאה גראָדע
און דער לעבער טוט איהם וועה אוודאי;
אָדער ער איז גאָר אַנ'אשה און ער געהט אַצינד
צו קינד—
ניין! דאָס זיצט
ער איצט
פערביטערט און פערשוויצט
און ס'וואַרפט איהם ווי פון קעלט און היץ...
שאַ!... ער שאַפט אַ וויץ!

וודאי
איז ער, דער דיכטער-הומאָריסט, פֿון גאָטעס גנאָדע.
נאָר ער האָט „אַ מוז" אָנשטאָט אַ מוזע:
זיין רעדאַקטאָר גיט איהם נישט קיין „וויזאַ"
ביידען, זאָגט ער, ער זאָל מאַכען
לאַכען
זיינע לעזער מיט פּיקאַנטע זאַכען.
דאָס איז ער, דער דיכטער-לײַך,
געשוואָרען נאָר צו שרייבען, קיצלען, שאַפֿען, דיכטען
און צו פֿעפֿערען פּאָטראַוועס און געריכטען,
אַז דער עולם זאָל פֿון לאַכען פּלאַצען...
זיצט ער דאָס אַצינד פֿערביטערט,
און ביי איהם אין האַרצען וויטערט,
ווי עס וואָלטען דאָרטען ראַצען
הונדערט קעץ.
און די בלאַסע ליפּען זיינע מורמלען פּיין
געוויין:
„צו אַלדע שוואַרצע יאָהר!"... —
ששש... ער שאַפֿט הומאָר!

די פרעסע און דער זשורנאליסט.

עס לעבען אין קאַמף ביי אונז צייטונגען פיר,
צום עהרע און גליק פון דער אומה.
שרייבט איינע „די פגע”, אַ בריוועל צו מיר,
און מאַכט זיך אַ מינע אַ פרומע:

„אַדון ליטעראַטאָר! איהר האָט דאָך געהערט
פון יענע הולטאַיקע, מיין שכנה, —
דאָס בלעטעל „די וואַנץ”, וועלכע קאָרמעט און נעהרט או..
מיט זנות און מיט מעשות געמיינע.

טאָ זייט אַזוי גוט, ליבער הער ליטעראַט,
און זידעלט אויס מיין קאָנקורענטין
און נעהם אויס׳ן צימבעל דאָסדאָזיגע בלאַט, —
עס זאָל שוין פערזאָגען אַ צעהנטען...”

בעקומען דאָס בריוועל,—בין איך מיר נישט פויל
און טאַקע אין יענעם טאָג גופא
בעשאַף איך אַ מאמר, וואָס נעהמט אָן אַ גרויל,
פערטייל שוין די מיאוסע חצופה!...

און ווייז אויף די צניעות און ליאַרעם און קלאָג
און אַלץ מיט דעם טייערסטען לשון
און שרייב מיר זיך אונטער: „אַ נעכטיגער טאָג",
און כאַפּ מיר דערביי אַ פּאָר גראָשען...

דאַן קומט זי, „די וואַנץ", ווי אַ הייליגער תם,
און שרייבט מיר: „געעהרטער קאָלעגע,
איהר האָט דאָך, אַ שטייגער, געזעהן, מן הסתם,
מיין שכנה, דאָס בלעטעל „די פּגע".

איהר לייענט איהר נייע רעקלאַמע אַדורך,
מען דאַרף דאָך אַרויס פון אַ כלי!
טאָ זייט אַזוי גוט און דערלאַנגט איהר אַ שטורך,—
אַרויס זאָל איהר טאַקע די זיילע!

פערגיט איהר אַזוי מיט׳ן אמת׳ן קנאַק!
אַזוי, אַז זי זאָל זיך בעגראָבען!
מיר צאָהלען פער שורה כמעט אַ פּיאַטאַק!
אויב גוט, וועט איהר מעהרער נאָך האָבען!...

באַלד נעהם איך שוין ווידער די פּענע אין האַנד,
און טייל איין „די פּגע" מיט מכות
און יאָמער: „די פּרעסע, אוי וועה, איז אַ שאַנד!"—
און כאַפּ מיר שוין ווידער פּיאַטאַקעס!...

באַלד שרייבט מיר „די פּגע": „דער נודניק" איז שונד!
היינט פּרעמיעס!—נו האָט דאָס אַ צורה!

טאַ זייט אַזוי גוט און פערטיילט איהם, דעם הונדז
מיר צאָהלען אַ גילדען אַ שורה!...״

איך מיין, פאַרוואָס נישט? אַ גילדען איז מעהר!
מען ווייס מיך, אפנים, צו שאַצען.
אַט וועל איך צום „נודניק״ זיך געבען אַ קעהר,—
ער וועט זיך שוין האָבען צו קראַצען!...

און נעהם אויפ׳ן בענקעל דעם „נודניק״, דעם לץ,
און קאַטעווע, בראַק איהם און האַק איהם!
אין שרייב מיר זיך אונטער: „ר׳ שמענדריק בן גץ״—
איך האָב מיר שוין ווידער ממתקים!...

באַלד קומט מיר אַ בריוועל אַ פירטער צוגעהן
פון סאַמע רעדאַקציע „די בלאָכע״:
„אונז וואונדערט, וואָס איהר, אונזער נביא און קרוין,
פערשווייגט זיי, די גאַנצע משפחה!

אוי וועה, ווי עס גריבעלט די פרעסע מיט זינד,
מיט ליגענס און זנות און „גורלות״!
אַ מאַרק איז די פרעסע געוואָרען אַצינד,—
מען זידעלט זיך ווי בעלי-עגלות.

טאָ זאָגט-זשע אַרויס אייער ברענענדעס וואָרט,
איהר טאָרט זיך אַצינד נישט בעהאַלטען;
מיר גיבען פאַר אייער סאַטירע אַנ׳אָרט
אויף אונזערע בלאָכישע שפאַלטען.

און שרייבט פאַר איין וועג, אַז דער יודישער גלאַנץ
איז דוקא די מוטיגע „בלאָכע״,
און ווייטער—„די פגע״, „דער נודניק״, „די וואַנץ״—
אַ וועהטאָג צו זייער מערכה!״...—

היך מאַך מיר קיין שהיות—די פּענע אין האַנד,
און גורט-אָן די לענדען מיט גבורה!
פֿערשאָב מיר די גאַנצענע כּנופיה—אַ בראַנד!
און קריג מיר בעצאָהלט פֿון דער שורה.

— — — — — — — — — — — —

פֿיר צייטונגען שטעהען ביי אונז אויף דער וואַך,
און קעמפֿען פֿאַר אמת און יושר—
און איך בין דער נביא, דער קינסטלער פֿון שפּראַך
און לעב מיר דערווייל ווי אַ קיסר!...

די למדנ'ישע בעראַטונגען.

צדק, חנה סאָלאָוויטשיק,
לעבעלמאַן, יאַבנוק און מייטשיק,
יענקעל קאָלנער און קאַראַסיק,
בוריק, פוריק און פיבאַסיק,
זאַק און גאָרגעלשטיין—

אַלע הייסע זשאַרגאָניסטען,
שטאַרק פערברענטע יודישיסטען,
איינס אין איינס גאָר סאַמע פרימע,
אָהן אַ סרחה, אָהן אַ פגימה,
כשר, פיין און ריין,—

האָבען איז אַ טאָג אַ שענעם
אויפגעזאַמעלט זיך איגאיינעם
און גענומען זיך מיט חשק,
מיט התמדה צו דעם עסק
גרינדען אַ פעראיין.

אַ פעראיין פון יודישיסטען,
אָהן די לשון-קודשיסטען,
מיט אַ שבועה—קיין העברעער
און קיין „בטלן״ זאָל אין זייער
גבול נישט טאָרען שטעהן,

נישט אַריין זאָל דער אפילו,
ווער געלערנט האָט, חלילה,
אין אַ חדר אַ מתוקן,
אָדער טוט ווען אַריינקוקען
אין אַזאַ „טאַנאַך״.

אויביג, אוביגע מלחמה!
אין פעראיין איז די נשמה,
אין פעראייניגונג איז כח,
אין פערבאַנד איז קאָפּ און מח
אחדות איז אַ זאַך!

ווי אין משל דעם בעוואוסטען
מיט דעם אַלטען, רייכען יוסטען
פויער, זיבען זיהן און גיטער,
מיט דעם בעזים, מיט די ריטער—
גאָלער שטיק מאָראַל:

אָט די זעלבע טאַקע ריטער—
זענען זיי בעזונדער, שיטער,
בעט פאַר זיי אַ הונד אַ ווייסען,
קאָנסט זיי ברעכען, קאָנסט זיי רייסען,
וואַרפען איבעראַל.

אָבער נעהמט מען זיי אינאיינעם
אין אַ בעזים אין אַ שענעם,
ענג פערבונדען, נישט צוריסען,
דאַמאָלס קאָן דער בעזעם שיסען
ווי אַ גענעראַל!

חברה אַרבּיִט, טוען „ויצען",
דיספוטירען, קלערען, שוויצען
וועגען נייע ווערטער, פאָרמען,
וועגען אויסלעגעכץ-רעפאָרמען,
וועגען סטיל און כּלל,

די גראַמאַטיק פון אַ בּלאַטער
און דער פּשט פון פּיפּערנאָטער
אין אַ ברייטען רעפערענדום:
וועגען „הענדום", וועגען „פענדום"
„פּכע"... און „פּש"... און „עט"...

ד ע ר, צ י ד י, צ י ד אָ ס געמייזעכץ.
אַנבּעטראַכט און שאַלאַמייזעכץ,
שטאַנדפּונקט, פּינטעל-קוק; דער חלוק
פון די ווערטער „וואָלוועל", „בּיליג"
„דאַמאָלס" און „העט-העט".

ווי צו שרייבען העבּרעאיזמען:
אָהן איינהאָרע, צאָרע, פּיזמען,
קלעזמער, באַלעבּאָס און טאָנעס,
פּאָנים, סאָנים, און ראַכמאָנעס,
באָסענע און געט.

אין אַנ'אָוועגד אין אַ שענעם
זאַמעלט מען זיך אויף אינאיינעם
און מען טראַכט מיט גרויס כּוונה,
ווי מען זאָל דאָס וואָרט „סכּנה"
אויסלעגען ראַיעל.

טענה'ט סאָלאָוויטשיק חנה:
דאַכט זיך, אַז דאָס וואָרט סכּנה
טוט פון לשון-קודש שטאַמען,
דאָך מיר אונזערע פּראָגראַמען
פעלשען נישט אַ האָר:—

מיר, אַלס הייסע זשאַרגאָניסטען
וועלען אויסלעגען אומיסטען,
אויף צו-להכעיס די העברעער
און די אַלע ספּאַדיק-דרעהער
מיט אַ „סמך״ נאָר.

זאָגט יאַכנוק: לויט מיין השערה
און מיין מיינונג, איז אַ סברה,
נאָר צו שרייבען ס׳וואָרט „סכנה״
מיט אַ „ס״. די כוונה:
ס׳קלינגט האַרמאָניש, העל.

דאָ שטעהט אויף ירוחם-גרונם,
גיט דערביי אַ נאָס אַ קליינעם,
ברענגט אין אָרדענונג די ברילען,
רוהיג מיט אַ קול אַ שטילען,
זאָגט ער אָט אַזוי:

„אונזער ליבער חבר חנה
איז אין ספק, צי „סכנה״
קומט אַרויס פון לשון-קודש.
איך, איך קאָן אייך זאָגען עדות
איך ווייס עס גענוי.

קלאָר, דאָס וואָרט שטאַמט פון העברעאישן
און דאַרום, לכל הדעות,
דאַרף עס ווי אין שרש בלייבען,
על פּי דקדוק דאַרף מען שרייבען
ריכטיג מיט אַ שין.

נישט אַ שין (איך וויל זיין לאָגיש)
נאָר אַ שין; אַזוי דעם דגוש
זאָל דאָס לינקע קעפּעל טראָגען,
ווי אַ „סין״ זאָל מען עס זאָגען—
„שמאל״ און נישט „ימין״.

עולם הערט אַזעלכע תורה—
ווערט צובושעוועט אַ מורא!
ליאַרעמט, שטורעמט, פּלאַקער-פייער:
אַ העברעער גאָר אַ נייער
דאָ אויף אונזער קאָפּ!

נאַ דיר גאָר אַ גאַנצער ווייסער!
אַ בעל-דקדוק גאָר אַ גרויסער!
ווייס פון אַלע כללים האַרבע
פול מיט תורה און „ישוואַרבע" (עשרים וארבע)
ווי אַ פולער טאָפּ.

נידער מיט ירוחם-גרונם,
דעם אַזוינעם און אַזוינעם!...
און ירוחם דער אַזוינער
פליהט שוין מיט זיין פּעקעל ביינער
פון די טרעפּ אַראָב.

דער דיִכטער, די אַבּלאַווע און דאָס גלעזל קאַווע.

רעטראָספּעקטיִווער עקסטראַקטיִשער דאַדאַיִזם*

אַ, זיִסע, ליִבּע, כּלה חוהו
ווייסטו דען, אַ, ליִבּע חוה,
וואָס געטראָפן האָט טשיִקאַווע
מיִט דײַן חתן נתן־וואַווע
שטשעפּיִליאַווע, —
אַט דעם שרײַבּער פון דער צײַטונג
„דיִ כאַליאַווע"?
אויב דו ווייסט ניִשט, ליִבּע חוה,
וואָס געשען איִז מיִט דײַן חתן
נתן־וואַווע שטשעפּיִליאַווע,
אַט דעם שרײַבּער פון דער צײַטונג
„דיִ כאַליאַווע":—
וועל איִך דיִר דערציילן חוה,
הער אַ מעשה אויס טשיִקאַווע:
זיִצט אַזוי אַנומלט דײַן געטרייער
חתן נתן־וואַווע
שטשעפּיִליאַווע,
אַט דער שרײַבּער פון דער צײַטונג
„דיִ כאַליאַווע",

---

*) וועלכער ייִד ווייסט דאָס ניִשט, וואָס איִז אַזוינס „רעטראָספּעקטיִווער עקסטראַקטיִשער דאַדאַיִזם"? דאָס איִז אַ נייע ריִכטונג איִן דער פּאָעזיע, געגריִנדעט אויף דעם פּריִנציִפּ: „וויִנציִקער מיִט אַ וואָרט, אָבּיִ געדאַנק". דער גראַם איִז דאָ אויך ניִשט וויִכטיִק. דער עיקר, עס זאָל זײַן איִנהאַלטספול, וואָגיִק און געריִכט.

אין צוקערניע „וואַרשעווע״
אויף זשוראַווע
און ער טרינקט אַ גלעזל שוואַרצע קאַווע,
„יאַווע״.
איז ווי ער זיצט אַזוי, דיין חתן
נתן-וואַווע
שטשעפּיליאַווע,
אַט דער שרייבער פון דער צייטונג
„די כאַליאַווע״
אין צוקערניע „וואַרשאַווע״
אויף זשוראַווע
און ער טרינקט אַ גלעזל שוואַרצע קאַווע,
יאַווע, —
פּלוצלונג—טראַך! עס קומט אַן אַן אַראַווע
חברה קנעפּלדיקע בראַווע,
ווי אַ פייער-שפּייענדיקע לאַווע,
רויש ווי די טייכן
סאַווע,
דראַווע,
און מוראַווע.
טראַכט דיין חתן נתן-וואַווע
שטשעפּיליאַווע
אַט דער שרייבער פון דער צייטונג
„די כאַליאַווע״:
אַן אַבלאַווע!
און כך הוה:
דיין געטרייער חתן
נתן-וואַווע
שטשעפּיליאַווע
האָט קיין טעות —
אַן אַבלאַווע!...
און מען בדקהנט מיר

אין טייסטער, אין די טאַשן,
אין כאָליאַווע
און מען זוכט דאָרט ביי מיר סחורות
און וואַליוטע, לעדער, צוקער, קאַווע,
„יאַווע".
טראַכט דיין חתן נתן־וואַווע
שטשעפּליאַווע,
אָט דער שרייבער פון דער צייטונג
„די כאָליאַווע":
נאַ, אָט האָסטו דיר אַ פריילעכע זאַבאַווע
צו דיין גלעזל שוואַרצע קאַווע
„יאַווע"
נאָך אַ שפּאָגל־נייע פּאָטראַווע,–
און אָבלאַווע!
שריי איך: סטייטש!
ווי קום איך, נתן־וואַווע
שטשעפּליאַווע,
צו אָבלאַווע?!
נישט איך טומל, נישט איך האַווע,
קיין מסחרים נישט איך פּראַווע,
לעב מיר שטיל זיך, ווי אַ פּאַווע;
בין מיר שרייבער פון דער צייטונג
„די כאָליאַווע",
שרייב מיר נייעסן פון ליבאַווע,
פון אַ שׂרפה אין מיטאַווע,
פון אַ מאָרד אין באַלאַקלאַווע,
פון אַ גנבה אין ווינדאַווע,
פון דעם שטאָט־באָק אין פּיליאַווע,
פון דער בלאָטע אין ניעשאַווע,
פון אַ קו, וואָס געפּאַלן
אין קאַנאַווע
און פּאָלטאַווע...

נאָר עס העלפט קיין טענה־מענה.
רעד צום לאָמפּ, צו דער „בולאַווע״
און די פֿײַנע חברה בראַווע
נעמט דיין חתן נתן־וואַווע
שטשעפּיליאַווע
אין מען איז אים פּיין מלוה
מיט גרויס צערטלעכקייט און אהבה,
מיט דער גאַנצער וויסטאַווע
גלייך אַהין, אַהין אויף „פּאַווע״.
איצטער זיצט דער חתן נתן־וואַווע
שטשעפּיליאַווע
און ער בענקט נאָך זיין געטרייער
כלה חוה.
בענקסטו אויך, אָ כלה חוה,
נאָך דיין חתן נתן־וואַווע
שטשעפּיליאַווע
בענקסט נאָך דיר, אָ ליבע חוה,
דאָרט אויף פּאַווע?
חוה!... ליבע חוה!...
קאַווע... וואַווע...
יאַווע...
שטשעפּיליאַווע...

— — — — — — — — — — —

אונזער ביסל קולטור־אָרימקייט.

I

ליטעראַטן־פאַריין.

עך, פּאָשאָל קאַמאַרינסקויו, מוזשיק!
מיר פאַרמאָגן אַ פאַריין גאָר אַן אַנטיק!
אַ פאַריין פון שרייבער גרויסע לייט,
וואָס פאַרשפּרייטן קונסט און ליכט אין אַלע זייט.
מאַכן אָוונטן און בעלער מיטן קנאַק,
גראַנדיעזע מאַסקן־בעלער מיט געשמאַק.
נאָר אַ ס'קומט די שעה מיט גרויסער מי
איז קיין איינער פון די חברה נישטאָ הי.
זילבערפאַרב דער דאָקטאָר טוט און פאָרט
ווין, בערלין, פאַריז און לאָנדאָן – דאָ און דאָרט.
„יקא", „יטא", „שיטא-קריטא", „טאָז" און „אָרט"
אַרבעט נעבעך פאַר דער מענטשהייט פערווי סאָרט.
העפּטמאַן גרייט „געדאַנקען" פאַר זיין בלאַט,
שרייבט אַ יום־טוב־מאמר אויף ט"ו בשבט,
פאַר דער נאָווידוואָרער שול אַ רעפעראַט,
מיט אַ פיין הין־הערעלדיקן פשט.
קאַגאַנאָווסקי רעדט אַריין אין טעלעפאָן;
אים גייט איצט קיין אַנדער זאַך נישט אָן,
ער באַשטעלט אַ „ראַנטקע" מיט דעם שענעם מין,
פלעכט ער ליבעס-פעדים דאָן־זשואַניש דין,
און פאַרוואַרפט געשייט אַ נעצל, ווי אַ שפין,
און ער פאַנגט אַ הערצל צאַפּלדיק אַהין.
בע קאַרלינױס שלאָפט און טרוימט פון רוימער־נעכט,
פון דעמאָניש־און טײַוולאָנישן געשלעכט;

קורטיזאַגערינס פון קאָלנע און קאַברין,
קלעאָפּאַטרעס פון כאָסלאָוויטש און טולטשין.
און ער גענעצט: א — א... דו גרויסער נאַפּאָלעאָן!
און ער טראַכט: איך בין אַ מענטש פון שענעם טאָן
דוד הערמאַן זיצט און לייענט מן הסתם
די רעצענזיע פון לאָדז און אַמסטערדאַם,
און קאָנצעפּצעוועט אַ מיסטיק מתים־טאַנץ,
און זיין ווייבל שיילט אים אָפּ אַ פּאָמעראַנץ.
פויגל־ניימאַן וואָלט געגעבן עפּעס דרויבס
האָלט ער אין איין טיילן „שבת־אויבס״.
הלל צייטלין טרויערט אויפן שכינה־צער,
טונקעל זוכט אַ וויץ אין קאַלענדאַר,
קיפּניס, נעבעך, האָט אַ גאָז־קאַטאַר,
ווייל — עס שטעקט דאָ נישט מיט האָנאָראַר...
און די צושויער — זיי זיצן ווי די בעק
און מען גיט זיי נישט פאַרזוכן כאָטש אַ לעק
פון די אַלע הויפּט־אַטראַקציעס נישט קיין שמעק
און מען גייט מיט גאָרנישט־נישט אַוועק.
און עס איז פון הימל נאָך אַ גליק
וואָס זיי בעטן נישט דאָס געלט צוריק.

II

דראַמאַטישע שול.

עך פּאָשאָל קאַמאַרינסקויו מוזשיק!
האָבן מיר אַ שול פון סאַמע דראַמאַטיק.
אַ דראַמאַטיש־טראַגי־קאָמישדיקע שול
איז עס מיט חידושים גרויסע פול.
זיצן דאָרט געלערטע גאָר אַ סך,
בומחים, קענער — יעדער אין זיין פאַך.
יעדע גאָר אַווייסער אין זיין זאַך,
בינע־קינסטלער שטייען אויף דער וואַך:

נחמן מייזיל לערנט דיקציע און אַקצענט,
פּאָזע און עקספּרעסיע און טעמפּעראַמענט.
יענקעל דער פּריזירער לערנט דאָרטן גרים
און דער חזן הירשין פּראָבעוועט די שטים.
מיכאַלעוויטש לערנט גראַציע און מינע,
די באַוועגונג פון די מאַסן אויף דער בינע.
הערמאַן רעדט פון גענעץ און פון תּוך
און די מיסטיק פון אַ רונדן בייגל-לאָך.
ליטוואַק איז פּראָפעסאָר פון באַלעט,
בלאַסטיק איז זיין ספּעציאַליטעט.
ער באַגרינדעט דאָס פּראָבלעם פון טאַנץ,
טעאָרעטיקער פון שיק און עלעגאַנץ...
מאַכט מען דאָרט עקזאַמענס מיט פּאַראַד,
פייערלעך גאָר אויפן העכסטן גראַד.
זיצן פּראָפעסאָרן סאַמע אויבן אָן:
וויינערט, שיפּער, זוסמאַן, מענדלסאָן,
און מען נעמט דעם שילער אויפן צאָן
און מען שיט מיט קלאָץ-קשיות ווי מאָן:
ווייכערט פרעגט פון קאָמפּאַניעץ און באַרניי
פון דעם קעניג פון גאַליציע מענעלאַי
און די גריכישע, די קוני-לעמעל פּאָר
און פון אבימלך מלך גרר...
מענדעלסאָן וויל וויסן אַקוראַט
וויפל שוויגערס פּרץ האָט געהאַט,
ווען האָט באָמבערג חתונה געהאַט
און פון „באָנטשע שווייג" דעם טיפן פשט.
שיפּער פרעגט פון „פּע-צע" און פון סטיל
און פון וואַנען שטאַמט דאָס אַלטע פּורים-שפּיל
און פון „קאָמעדיע דעל-ארטא" און באַראָק
און די מיסטיק פון קאַציזנעס באָק.
זוסמאַן פרעגט דעם שטאַנדפּונקט און דעם גרונד,
דעם צוזאַמענשטעל פון קולושיגער בונד,

ווייל קלמנקע קאַמאַשנמאַכער ז׳אַלט
און צי איז אין נאָדל-פּאַך אַ שפּאַלט.
אָט אַזוי גייט צו אין אונזער שול,
שאלות גרויסע און מיט חכמה פול,
ביז די שילער, נעבעך, ווערן דול
און זיי שרייען — קאַראַול!

III

קונסט־געזעלשאַפט...

עך פּאַשאַל קאַמאַרינסקי מוזשיק!
לאָמיר איצט, רבותי, טאָן אַ בליק
אויף דעם גלאַנץ פון אונזער קונסט-געביט,
ווי עס רודערט דאָרטן, קאַכט און זידט,
ווי עס פּראָדוצירט זיך, שפּראָצט און בליט,
און ווי ס׳ווערט געשאַפן דאָרט — אַ דעפיציט.
מאַכט מען דאָרט אסיפות — טאָג און נאַכט
און סטאַטוטן ווערן דאָרט געמאַכט,
און פּרינציפּן ווערן פעסטגעשטעלט,
אַז מען דאַרף דער ״יקי״, האָבן געלט!
קומט ר׳ קאַהן, מאַכט אַ מאַסקן-באַל,
ווערט מען פון דער ״שאַטני״ בדיל הדל.
נאָכדעם קומט אַ צווייטער, פּלאַנט אַ לאָטעריי
מיט ״אַ גלעזל קאַווע״, ״שוואַרצע טיי״
און מען פלעט אַן אויסגעבלאָזן איי.
קינסטלער-ראַטן, אַז אָך און ווויי.
טיקאָטשינסקי טוט און מייסטערט אַ פּלאַקאַט,
אָלשטיין שרייבט אַנאָנסן אויפן בלאַט,
ווייגטרויב הערמידערט, טומעלט גלאַט,
און בערלעווי זוכט — אַ מעצענאַט.
זוכט אַ מעצענאַט מיט גדן, קעסט
און ער לאָזט אַרויס אַ מאַניפעסט.

ד״ר גרשון רעדט אויף טיש און בענק,
ער פאַרשטייט אין מאָלעריי אַ קרענק.
וואַסערמאַן גיסט וואַסער און ער רעדט
פון „פראָוס״ און „קאָלעקטיוויטעט״;
שפּענגלאַק פאַרגייט זיך אַזש פון פּיעטעט,
און כאַימאָטשיק זוכט אַ ציגאַרעט...
און די אַרבעט דאָרטן קאָכט און ברענט.
און מען אַרבעט און מען מאָלט דאָרט אויף די ווענט;
פריינס אָשטשעגאָ שניצט אין האָלץ און ביין,
האַקט אַ טשייניק, האַקט אין מערמלשטיין,
פייגענבוים מאָלט „אָן אָקלאַדקע״ — אַן אַפּאָרט
איז עס פון דער גראַפיק־קונסט דאָס לעצטע וואָרט.
פרידמאַן מאָלט אַן אינדיק מיט אַ בלאָען צאָפּ
און אַן אויטאָ־מאַסקע, ווי אַ לאָקשן טאָפּ
מיט אַ מעלאַנכאָליש גרינעם סקריפּ מון ראָד,
און ער זאָגט: עס איז דערביי אַ טיפער סוד.
אָט אַזוי ווערט דאָרט די „קונץ״ געמאַכט —
פּוטאָ — קובאָ — אימפּראָ — עקספּראָ, גאָר אַ פּראַכט
און עס ווערט אויף שוואָמען־גאַס געבראַכט,
אַ וויסטאַווע פאַר קיין יידן נישט געדאַכט.
און עס איז דאָרט אַזוי מנוחהדיק און שטיל,
אַזוי רואיק און מחיהדיק און קיל,
כאָטש צולייג זיך אויפן מיטן דיל
און אַ דרעמל כאַפּ, וויפיל דיין האַרץ נאָר וויל.

דער וויצלינג, נעבעך.

(כמעט נאָך פושקין).

צי שלעף איך זיך אַזוי איבער די גאַסן סתם,
אין רוישנדן מיש=מאַש, געקלאַנג און טאַראַראַם,
צי זיץ איך ערגעץ אויף אַ מיטינג אין געדראַנג,
צי זיץ איך אין קראַשינסקיס גאָרטן אויף אַ באַנק,
פאַרנומען איז מיין מוח בלויז מיט איין געדאַנק, —
— אַ וויץ! אַ וויץ!...

צי גיי איך אין די האַלעס פוטער קויפן,
צי גיי איך מיר אַדורך די דורכגאַנג=הויפן
פון נאַלעווקעס אויף דזיקע און אויף פאַנסקע,
צי גיי איך שפּאַצירן אויף ביעלאַנסקע,
צי ליג איך איינזאַם גאָר ביי זיך אין חדר,
בלויז איין זאַך מאַטערט מיך כסדר —
— אַ וויץ!

צי שלעפ איך זיך צו פוס, צי פאָר איך מיט דער באַן,
צי זיץ איך ערגעץ אין אַ רעסטאָראַן,
צי הענג איך אויף די טרעפ פון אַ טראַמוויי,
צי זיץ איך בהרחבה אין פריזירעריי,
און מען גאָלט מיך מיט אַ טעמפּן מעסער אַ מחיה,
צי גיי איך מונטער נאָך אַ לויה,
צי אויף אַ חתונה, ניש־דאָ־געדאַכט —
אין מוח עגבערט מיר—איך טראַכט:
אַ וויץ! אַ וויץ!

צי ליג איך מיר געמיטלעך אויף מיין בעט
און לייען דעם „מאָמענט", צי סתם אַזוי זיך אַ גאַזעט
צי האָב איך מאָגן-קראַמפּן, צי אַ קאַטאַר,
צי זיץ איך אויף „אַ גראַנדיעזן באַל-קאָנצערט"
און שוויץ, ווי אַ פּאָטשטאָווע פערד,
צווישן טענץ און פלירט און „פאָלקס-געזאַנג",
עס מאַטערט מיך בלויז איין געזאַנק —
— אַ וויץ!...

צי בין איך אויף אַ זומער ירגעץ-ווו,
צו כאַפּן פאַר מיין שווער געמיט אַ ביסל רו,
און גיי-אום אין פאַרנאַכט שפּאַצירן טראָט-ביי-טראָט
מיט מיין באַשערטער אין איר טערקישן קאַפּאָט,
און רייס די הויזן אָן די שטעכעדיקע דראָט,
און הער, ווי זשאַבעס קוואַקען, גראַמאַפאָנען זינגען
און פון דעם פענסיאָנאַט דאָס גלעקל-קלינגען,
און אָטעם-איין דעם שטויב אין מיינע לונגען,—
אַך זיסער זומערדיקער געטלעכער פאַרנאַכט!
און מיין נשמה זוכט און לעכצט און טראַכט —
אַ וויץ!

דראַמאַקאָמעדיע

ציינווייטאָג

אַ שפּאַס אין איין אַקט

פּערזאָנען:

קאַצעניאַמער — ליטעראַט-הומאָריסט

ערשטע דעפּוטאַציע
- ערשטער פּאַרשוין
- צווייטער פּאַרשוין
- דריטער פּאַרשוין

צווייטע דעפּוטאַציע
- אַ יונגערמאַן
- אַ מיידל

דריטע דעפּוטאַציע
- אַ בחור מיט לאַנגע האָר
- אַ בחור מיט אַ פּליך

די בעל-הבית'טע

(אַ בחור'שער צימער, דאָ און דאָרט אָנגעוואָרפן ביכער, פּאַפּירן, כּתב יד'ן, ביים שרייב־טיש זיצט קאַצעניאַמער און שרייבט. די באַקן זענען אים אַרומגעבונדן מיט אַ גרויסער פּאַטשיילע. אים טוען וויי די ציין. ער כאַפּט זיך אויף פון טיש, גיט אַ וואָרף די פּעדער, לאָפט זיך פאַרן באַק און נעמט שפּרינגען איבערן צימער, געפינט נישט קיין אָרט. לייגט זיך אין בעט; כאַפּט זיך אויף, נעמט ווידער שפּרינגען, קריכט אויף די ווענט, קלעטערט אויפן קאָמאָד, אויף דער שאַפע...)

קצעניאַמער.

טפו! צו אַלדי רוחות!... נישט איבערצוטראָגן... הו-הו-הו... עס לאָזט גאָרנישט אָפּ ס'רייסט, עס שטעכט... פּונקט מיט אַן עקבער... עס דרייט און דרייט... (טאַפּט מיטן פינגער דעם צאָן) איך וואָלט אים, דאַכט זיך, געקאָנט אַרויסרייסן און פּטור ווערן... (גייט צו צום וואַש־טיש און שווענקט דאָס מויל מיט עפּעס אַ וואַסער) פּו-או-או!.. עס רייסט מיר אוי דעם מוח... (טאַפּט דעם אויוון, גייט צו צו דער טיר, רופט) בעל-הבית'טע! אוי, בעל-הבית'טע זייט אַזוי גוט... אוי!

בעל-הבית'טע (ווייזט זיך אין טיר).

וואָס איז, פּאַניע קאַצעניאַמער? נאָך אַלץ די ציין?

קאַצעניאַמער.

אוי, די ציין... איך ווער משוגע!... וואָס טוט מען?

בעל-הבית'טע.

איר שווענקט מיטן וואַסערל.

קאַצעניאַמער.

עס העלפט נישט.

בעל-הבית׳טע.

און די פּעפּערלך, וואָס איך האָב אייך געמאַכט פון שמעק-טאַבאַק?

קאַצעניאַמער.

עס העלפט נישט.

בעל-הבית׳טע.

און דעם קאָמפּרעס?

קאַצעניאַמער.

עס העלפט נישט.

בעל-הבית׳טע.

און דער האָניג-טויגל?

קאַצעניאַמער.

העלפט אויך נישט, אוי... עס רייסט... עס דרייט... און דאָ האָב איך נאָך אַ בעשטעלונג... דע־ רעדאַקטאָר האָט מיר געהייסן אַ הומאָרעסקע אויף חנוכה אָנשרייבן... איר ווייסט נישט, ווי מען שרייבט אַ הומאָרעסקע מיט אַזאַ ציין-ווייטאָג?... און קיין טעמא איז אויך נישטאָ, צו אַלדע רוחות!... ווייסט איר, וואָס איך וואָלט אייך בעטן... בעל-הבית׳טע לעבן!... אפשר קאָן מען איינהייצן דעם אויוון. עס איז אַ ביטערע קעלט... איך האָב אים, דעם צאָן פּערקילט. איך וויל זיך דערוואַרעמען. אפשר וועט אַ ביסל לייכטער ווערן... אָ-אָ-אָ!...

בעל-הבית׳טע.

ווייסט איר, וויפיל עס קאָסט הייגט קוילן?

קאַצעניאַמער.

זאָל קאָסטן!... גייט עס אין דער ערד אַריין!... איך קאָן דאָך שוין נישט אויסהאַלטן... אפשר וועט דער ווייטאָג אַ ביסל אויפהערן — וועל איך קאָנען טראַכטן וועגן אַ טעמא פאַר מיין הו-מאָרעסקע... וועט עס מיר אויסטראָגן די הוצאות פון הייצן.

בעל-הבית׳טע.

כ׳מיין, אַז איר ווילט... אַזאַ יקרות פון קוילן... איך הייץ אייך גלייך איין. (גייט ארויס, ברענגט אריין האָלץ, נעמט איינהייצן) זער-

ניסט קיין געשמאַקע זאַך, אַז מען ליידט אויף ציין־ווייטאָג.

קאַצעניאַמער.

וואָלט איך כאָטש קאָנען שרייבן... וואָלט איך כאָטש געהאַט אַ טעמא. אַז מען קאָן גאָרנישט טראַכטן. איך זע די וועלט ניסט. קוים וואָס איך טראַכט זיך אַריין, איך כאַפּ שוין אָן ביי אַ שפּיץ פון אַ טעמא, גיט מיר פּלוצלונג אַ כאַפּ־אָן דער ציין־ווייטאָג, אַז איך פאַרליר דעם וינען מיט דכל בּכל, עס דרייען זיך מיר איבער די געהירן דרייען מיר זיך איבער... אָ־אָ!...

בעל־הבית'טע.

נו, שוין איינגעהייצט, באַלד וועט ווערן וואַרים, וועט איר זיך וואַרימען.

קאַצעניאַמער.

אַ דאַנק. (בעל־הבית'טע אָפּ. קאַצעניאַמער שפּרייזט־אַרום, טאַפּט זיך אויף דער ציין־הייטאַק פאַרנעמט אים שטאַרקער)

קאַצעניאַמער.

אַי־אַי־אַי!... אָ־אָ־אָ!...

(מען קלאַפּט אין טיר)

קאַצעניאַמער.

אַריין.

עס קומען אַריין דריי יונגע־לייט, די סטאַטיסטן פון דער יודישער בינע. איינער אַ שוואַרצער מיט אַ שוואַרץ בערדל, וואָס זעט אויס ווי אָנגעקלעבט, אין אַ גרויסן קאַפּעליוש מיט ברייטע ברעגן און אַ ליטעראַרישן קראַוואַט. דער צווייטער אַ דאַרער, אַ הויכער, מיט אַ בלאַס פּנים, מיט אַ לאַנגער נאָז, אַ יונג תעלכער עס רייסן אַ פּאָר מענטבע אויף אַ דיקן שוואַרצן שנירל. דער דריטער אַ נידעריגער, אַ דיקלעכער, מיט אַ רויט פּנים, אַרומגעזוימט מיט אַ געלב בערדל, דאָס פּנים פלאַמט ביי אים, ווי אַ רויטע פלאַם אין שוי־פענסטער פון אַ אַפּטייק. זיי גריסן זיך אַלע מיט קאַצעניאַמען ביי דער האַנט).

דער ערשטער (פאַרנייגט זיך).

שאַנאָווני פּאַן קאַצעניאַמער! פּאָניעוואַזש נאַשע מיאַסטאַ קוטנאָ אוזשאַנדזאַ טשיסטאָ זשידאָווסקי באַל, וויענץ מאַמי זאַשטשיט פּראָשיץ פּאַנאַ יומאָריסטאַ אָ פּשיענצע אודזיאַלו וו'ציט.

(קאַצעניאַמער קוקט ווי אַ האָן אין „בני־אדם").

דער צווייטער (אויפֿשטייענדיק זיין קאָלעגע מיטן עלנבויגן).

וויבאַטשטשע, טען פּאַן ניע ראָזומיע פּאָ פּאָלסקו. פּשעציעזש פּאַן ניעדאַוונאָ פּשיעכאַל זראָסי, ניעפּראַוודאַזש? יאַ טאָ וויטלאָ-מאַטשע טעמו פּאַנו פּאָ ראָסיסקו: פּאָניעוואַזש, פּשעפּראַשאַם, טאַק-קאַק וו׳נאַשעם מיעסטיע, טאָ יעסט, גאָראָדיע קוטנאָ, מאָ-לאָדאָזש אוסטראָאיוואַהעט טשיסטאָ זשידאָווסקי וועטשער, טאָ פּראָסים גאָספּאָדינאַ יומאָריסטאַ זראָביט נאַם אָדאָלזשעניע אי ווזיאַט אוטשאַסטיע וו׳נאַשעם וועטשערנעם באַלע. —

(קאָצעניאַמער קנייטשט מיט די פּלייצעס).

דער דריטער (אָפּשטופּנדיג דעם צווייטן מיט דער זייט).

דאַי פּאַן ספּאָקוי טוואָים ראָסיסקים יענזיקעם. טען פּאַן יעסט יודישיסטאָן אי נאַציאָנאַליסטאָן אי ניע כצע מוּוויטש פּאָ ראָסיסקו. ניעכּראַוודאַזש? יאַ יוזש טאָוויעם טאָ פּראָסטאָ פּאָ זשי-דאָווסקו: דאַ דאָס אונזער האָכגעשעצטע מאָלאָדעזש פון אונזער שטאָט קוטנא האָט די האָנאָר איין עכט, פּשעפּראַשאַם, יודישען מוזיקאַלניש, וואָקאַלניש, ליטעראַצקין — קאָנצערט-באַל-וועטשער אָראַנזשירען, וואָלטען מעכטען, — דאַרום האָבען וויר די עהרע געהאַט צו האָבען איהרען צו לאַדען, זיי זאָלדען לאַסקאַווע ווער-רען זיין און נעהמען אַנטייל אין דיזען באַל. —

דער ערשטער (אָפּשטופּנדיג דעם דריטן).

לאָז געמאַך מיט אַזאַ יודיש. אויב יודיש — לאָז מיך. פּאַניע הומאָריסט! מיר זענען פון קוטנא, קוטנער אינטעליגענטען. מיר האַלטען שטאַרק פון פּאָרשריט און מיר קומען ענק איינליידען צו אונז אין קוטנא אויף אַ ליטעראַריש-מוזיקאַליש-וואָקאַליש-הומאָריסטיש-סאַטירישען חנוכּה-אָווענד, וואָס אונזער יוגענד אָר-דענט איין מיט פילאַנטראָפּישע צוועקען צום גונסטען פון אונזער מוזיקאַלישער געזעלשאַפט „דער סמיטשעק". —

דער צווייטער.

און מיר האָפען, אַז עטץ וועט נישט זיין מיזאַנטראָפּיש געשטימט און איהר וועט זיך בעטייליגען אַלס אַ קראַפט אין אונזער אונטערנעהמונג. —

דער דריטער.

ווייל עסן מיט ענקער ליידענשאַפט און אינטעליגענטנעם טאַלאַנט, וועט אָהן צווייפלונג מאַכען אונזער אָווענד גרויזאַם און ליטעראַריש. —

קאַצעניאַמער.

איר וועט מיר ענטשולדיגן, מיינע הערען, — איך זעהט דאָך, איך לייד, לא-עליכם, אויף ציין-ווייטאָג און קאָן גאָר מיט אייך וועגן דעם נישט רעדן. —

דער ערשטער.

כאַ-כאַ-כאַ!... כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז מיר וועלען זיי טרעפען מיט ציינן-וועהטאָג און מיט אַנ׳אַרומגעבונדענער באַק! אַזוי ווי זיי האָבען געשריבען, אַז אַ הומאָריסט שרייבט הומאָר מיט ציינן-וועהטאָג. כאַ-כאַ-כאַ!...

דער צווייטער.

און איך האָב דיר געזאָגט, אַז זיי וועלען דיר אַ זאָג טהון אַ וואָרט, וועסטו שוין האָבען צו לאַכען. דאָס איז טאַקי דער אמת׳ער הומאָריזם פון דער ליידענשאַפט. —

דער דריטער.

פון וואַנען נעהמט זיך דאָס ביי אייך אַזוי פיל הומאָריזם?

דער ערשטער.

געה שוין, געה. דאָס איז דאָך אַ געטליכער געפיהל פון שאַפונגס-גייסט. —

דער צווייטער.

וועסט נאָך זעהן, אַז דער הערר קאַצעניאַמער וועט אונז בעשרייבען אין אַ פסיכאָלאָגישען פעליעטאָן! איהר זאָלט, פאַניע קאַצעניאַמער, פון אונז ניט אָבלאַכען מיט אייערע שאַטירונגען.—

דער ערשטער.

אַזוי ווי איהר האָט בעשריבען די אַזשמיצער בחורים... זאָגט מיר אגב, וואָס האָב איך אייך געוואָלט פרעגען: וועמען האָט איהר געמיינט דאָרטען „דעם גרינעם בחור״?

דער צווייטער.

געה שוין געה, דאָס איז דאָך אַ סימוואָל.

דער ערשטער.

לאָז אָב, זיי שרייבען נישט קיין סימוואָליזם. זיי זענען דאָך אַ הומאָריסט. זאָגט מיר אגב, איז עס דאָס טאַקי קאַצעניאַמער אייער אמת׳ער נאָמען, אָדער דאָס איז אַ פסעוודאָנישער פסעוודאָנים?

דער דריטער.

הער שוין אויף מיט דיינע אָנפראַגעס, ווייסטו דען נישט, אַז דאָס איז אַ געהיימניפולע קרעדאָ פון דעם שרייבער. אַ יאָ, פאַניע קאַצעניאַמער?

קאַצעניאַמער.

יאָ. —

דער דריטער.

זאָגט מיר, איך בעט אייך, עס איז כדאי צו וויסען, שרייבט איהר פון שורה, צו פון אַרטיקעל. —

קאַצעניאַמער.

פון שורה.

דער צווייטער.

אַהאַ! איך האָב דיר געזאָגט, אַז זיי שרייבען פון שורה... און פאַר אַ קורצע שורה קריגט איהר אויך בעצאָהלט?

קאַצעניאַמער.

יאָ.

דער צווייטער:

און אַז די שורה בעשטעהט פון איין וואָרט, קריגט איהר, ווי פאַר אַ גאַנצע שורה?

קאַצעניאַמער.

יאָ... אָה-אָה-אָה!

דער צווייטער.

און אַז עס איז בלויז איין פראַגע צייכען אין שורה?

קאַצעניאַמער.

אויך.

דער ערשטער.

און אַז די שורה בעשטעהט פון פאַסיקלעך?

קאַצעניאַמער.

אויך.

דער צווייטער.

און אַז פון פינטעלעך?

קאַצעניאַמער.

אויך...

(אַ פויזע).

דער ערשטער.

זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואו איז איצטער דער שרייבער ראובן בריינין?

קאַצעניאַמער.

איך ווייס נישט. אָ-אָ-אָ!...

דער צווייטער.

וואָס פערנעהמסטו זיך מיט דיינע דיסקוסיעס — מיר גענוג דאָך עפּיס געקומען אַהער צוליעב אַ וויכטיגער פערלעגענהייט!.. איז וואָס, פּאַניע קאַצעניאַמער, וואָס איהר מאָנאָלאָגירען אויף אונזער אָוועבד? מיר וואָלטען וועלען וויסען יעצט, כדי מיר זאָלען קאָנען דרוקען אויף די קאַטאַלאָגען...

דער דריטער.

אויף די פּראָגראַמען מיינסטו.

דער ערשטער.

קאַטאַלאָגן, — פּראָגראַמען — אַלץ איינס. איהר וואָלט אייך ראַטען, הערר קאַצעניאַמער, אַז איהר זאָלט מאָנאָלאָגירן אייער הומאָרעסקע „דער הארטער נוס", וואָס איז אַ קריטיק פון נאַטור און לעבען. —

דער דריטער.

לאָז געמאַך! הערר קאַצעניאַמער טאָר נישט מאָנאָלאָגירן

„דעם האַרטען נוס. מחמת די מענשהייט איז נאָך נישט גענוג ענטוויקעלט צו פערשטעהן אַזאַ טיפע זאַך. בעסער לעזען די פראַגמענטען פון „עס ברענט אין מיין אינגעווייט".

דער צווייטער.

און נאָך מיין מיינונג, בעסער לעזען, „די פערברענטע לאַסקע". עס פּאַסט פאַר חנוכה און עס איז דער אמת'ער הו- מאָריזם. —

קאַצעניאַמער.

גוט, איך וועל אייך לעזן, וואָס איר ווילט, נאָר לאָזט מיך אָפּ. איך ווער משוגע פון ציין-ווייטאָג.

דער ערשטער.

כאַ-כאַ-כאַ! אַ שענער אויסדרוק: „איך ווער משוגע פון צייהן-וועהטאָג". פון וואַנען נעהמט זיך דאָס צו אייך אַזאַ גלענ- ליכער טאַלאַנט?

קאַצעניאַמער.

אָבער האָט רחמנות!...

דער ערשטער.

פערצייהעט אונז!...

דער צווייטער.

וואָס פאַר אַ פערצייהעט אונז. „פערצייהעט" איז דייטש. ענטשולדיגט אונז, פאַניע קאַצעניאַמער!

דער דריטער.

„ענטשולדיגט" איז אויך דייטש.

דער ערשטער.

שוין בעסער — פערצייהעט אונז!

דער צווייטער.

בעסער — ענטשולדיגט אונז!

דער ערשטער.

שאַ, לאָמיר פרעגען דעם הערר קאַצעניאַמער. הערר קאַ- צעניאַמער, ווי איז גלייכער צו זאָגען: „פערצייהעט" אונז אָדער — „ענטשולדיגט" אונז?

קאַצעיאַמער.

אָבער זייט מיר מוחל... איך ווער דאָך משוגע...

דער ערשטער.

אָט-אָט-אָט! דאָס אמת'ע וואָרט: „זייט מיר מוחל"... זעהסטו: אָט דאָס הייסט א שרייבער אַ יודישיסט.

דער דריטער.

אַ־ווא! וואונדערבאַר. מיר וואָלט עס קיינמאָל גאָר ניט איינגעפאַלן.

קאַצעיאַמער.

אוי! מיינע ציין!...

דער צווייטער.

זייט אונז טאַקע מוחל, הער קאַצעניאַמער, וואָס מיר שטערן אייער גלייכגעוויכט. (צו די חברים) נו קומט, קומט, חברים... דאָ־וידזעניאַ!

דער דריטער.

וואָס פאַר אַ„דאָווידזעניאַ"? אַדיע!

דער ערשטער.

וואָס עפּיס „אַדיע"? „אַדיע" איז דאָך דייטשמעריש—אַ־יאָ, פאַניע קאַצעניאַמער?

קאַצעניאַמער.

זאָל זיין „אַדיע", זאָל זיין „דאָווידזעניאַ" — אַ גוטן טאָג! (טאַפּט דעם אויוון).

דער צווייטער.

אָט-אָט-אָט! אַ גוטן טאָג, דער בעסטער אויסדרוק.

דער ערשטער און דער צווייטער.

אַ גוטן טאָג! אַ גוטן טאָג! (אַלע דריי אַב).

קאַצעניאַמער. (וואַרפט זיך אריין אין בעט, מען קלאַפּט אין טיר).

אַריין.

(עס קומען אַריין צוויי פּאַרשוינען: אַ יונגערמאַן מיט אַ פלושען ווינטער־היטעל מיט אַ שמאָל פויגעלש פּנים און אַ שפּיציג בערדיל, און אַ פּאַלטאָ, וואָס ליגט אים זייער שמאָל אין טאַליע, אזוי, אַז ער גייט מיט אַ „טורניור", און אַ

מיידעל, געזעצט און אָבגעלאָזען, מיט אַ ברייט פּלאַטשיג געזיכט. פּלאַטשע ליפּען, אין אַ אָבגעטראָגענעם אַלטען מאַנטעל מיט גלעזערנע קנעפּ, רעדט מיט גראַ־ בען קול און מאַכט מיט די הענד ווי אַ מאַנסביל).

יונגערמאַן.

ענטשולדיג אונז, הער קאַצעניאַמער, וואָס מיר סטערען אייך, מיר זענען געקומען צו אייך מיט אַ בקשה: אַזוי ווי דו ערסטע ליכטע, דאַרף פאָרקומען אַ מאַסקען־באַל צום גונסטען פון די ניסט פערמעגליכע סילערגס ביי דער אַקוסערין־סולע, וואו מיין כלה (ווייזט אויפן מיידעל) איז אַ סילערין, סאָ זענען מיר געקומען צו אייך, איהר זאָלט אונז געבען אַ געדאַנק אָדער אַ אידעע אויף אַ מאַסקע. אייגענטליך, האָב איך סוין אַליין בעסאָפען אַ פּאָר מאַסקען, וואָס וועלען מאַכען אַ רוסם. נאָר די מאַסקען זע־ גען פון ציוניסטיסען כאַראַקטער, מחמת איך בין אַ ציוניסט. וויל זי אָבער ניסט, זי איז אַ יודיסיטקע, און אַ געוועזענע עסע־ סאָחקע; וויל זי אַ מאַסקע, וואָס זאָל זיין יודיסטיס און עסע־ סאָוויס מיט יודיסיסטעסען און עסעסאָווסקין אינהאַלט. און אגב זענט איהר דאָך אַ הומאָריסט, וויל איך, עס זאָל פעראייניגען ביידע סטרעמונגען פון דעם יודיסען נאַציאָנאַליזמוס צוזאַמען מיט דעם הומאָריסטיסען כאַראַקטער.

קאַצעניאַמער.

וואַס ווייס איך פון אַזעלכע זאַכען?

יונגערמאַן.

ניסקאָסע, איהר וועט סוין כאַפּען אַ רעיון, סאַ, סאַ, סאַ, אייגענטליך האָב איך סוין אַ סעהנע מאַסקע, איך וועל מיך אַרום־ קלעבען מיט קעפּלעך פון אַלע צייטונגען און וועל פאָרסטעלען די פּרעסע. די אַנטיסעמיטישע צייטונגען וועל איך אָנקלעבען, ווייסט איהר וואו? (זאָגט קאַצעניאַמער אויפן אויער) אַ־יאָ, גוט, כאַ, כאַ, כאַ! עס איז סמעך סקוואָז סליאָזי.

קאַצעניאַמער.

זאַל זיין אַזוי, אוי מיינע ציין!

יונגערמאַן.

כאַ, כאַ, כאַ! אָבער אַלע הומאָריסטעןליידען אויף די ציין־עס איז דיר אַ טשיקאַווע זאַך. געפעלט אייך, הייסט דאָס, מיין מאַס־קע? די אַנטיסעמיטישע צייטונגען וועל איך אָנקלעבען....

מיידעל.

עטאָ פאַכאַבנאָ אי פלאָסקאָ! נישטאָ קיין קאָפּעטשקע אי־זיאָשצעסטוואָ! וואָס איז אייער מניעניע, גאָספאָדין הומאָריסט?

קאַצעניאַמער.

איך מיין אויך אַזוי. עס איז אַביסעל גראָבליך.

מיידעל

אַ פּאָ מאָיעמו, וועל איך מיר מאַכען אַ קאָסטיום טון קאָר־טען, דאָס איז אָרגינאַלנע! אָדער איך וועל מיר מאַכען אַ קאָסט־יום פון וואַטע און וועל מיר פּרעדסטאַוולאַיען די „סניעגוראטש־קאַ". נאַסטאָיאַשטשאַיאַ פּרעלעסט! מיינע אידעען זענען פאָסטאָ־יאַנאָ איזיאַשצנע. אָט האָב איך פּאַראַיאָהרען זיך געמאַכט אַ מאַס־קע פון אַ „ציגאַנקע" און האָב אינטריגירט מיינע זנאַקאָמע, טאַק עטאָ בילאָ שטשאָ ניבוד אָסאָבענאָיע! דו געדענקסט, ווי איך האָב אינטריגירט דעם הער וויינשטיין? מיינער אַ גוטער זנאַקאָמער, האָב איך איהם אינטריגירט אפשר צוויי שעה. עס איז געווען אַזוי קאָמיטשנע! איהר זענט דאָך, גאָספאָדין הומאָריסט, מיט מיר סאָגלאַסנע?

קאַצעניאַמער.

איך מיין אויך אַזוי. אייערע אידעען זענען גאַנץ גוט.

יונגערמאַן.

אָבער עס איז דאָך אַלס! און גאָר ניסט אָריגינעל! ווי מיינט איהר, הערר הומאָריסט?

קאַצעניאַמער.

עס קאָן זיין, אַז ס'איז אַלס. וואָס ווייס איך אין אַזעלכע זאַכען? (ער טאַפּט די באַק).

יונגערמאַן.

סוין בעסער: „איך זאָל זיין געסמידט אין קייטען און דר

זאָלסט מיך פיהרען אַלס די געטין פון גערעכטיקייט". אַזאַ מאַס-
קע וועט זיכער ברענגען דעם פּריז, ווייל עס מאָלט די גאַנצע
שרעקליכע טראַגעדיע פון יודיסען פאָלק.—

קאַצעניאַמער.

אַ גוטער געדאַנק, אַ גוטער געדאַנק... אָ, מיינע צייןן!

גיידעל.

באַלד פאָזוואָלעט מען דיר זיך יאָווען אין אַזאַ מאַסקע.
האָסט פערגעסן, אַז מיר פערזיוואַיען איצט אַ שרעקליכע רע-
אַקציע. מען וועט אונז ביידען אַרעסטירען... נישט אַזוי, גאָספּאָ-
דין הומאָריסט?

קאַצעניאַמער.

איך מיין אויך אַזוי: אַביסעל צו שאַרף.

יונגערמאַן.

סאַרף, זאָגט איהר—זענען מיר דאָך צו אייך געקומען, איהר
זאָלט אונז געבען עפּיס אַ געדאַנק: עס זאָל זיין אי סאַרף אי
כּסר אי סיין.

קאַצעניאַמער.

לאָזט מיך אָב, איך בעט אייך, לאָזט מיך אָב, הערט מיך
אויף צו נודיען. איך לייד פון ציין-וועהטאָג און איהר נודיעט מיך.

מיידעל.

קום, דאַוויד, דאָ סווידאַניאַ... איך האָב דיר געזאָגט, אַז די
יודישע ליטעראַטאָסען האָבען נישט קיין וועזשליוואָסט, עטאָ
אוזשאַסנאָ!

יונגערמאַן.

אַדיע.

(ביידע אָב)

קאַצעניאַמער.

פו-או-או!... קוים פטור געוואָרען. איצט וועל איך מיר
דערוואַרמען און זוכען אַ טעמאַ. צום טייוועל! אָ—אָ—אָ!.. חנוכה
אויפ'ן גאַז. נישט איך קאָן שרייבען און נישט איך האָב וועגען
וואָס צו שרייבען. אָ—אָ—אָ—...

ווער וואַרמט דעם צאָפּן אין אויוען. עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טהיר)

קאַצעניאַמער. (שפּרינגט אַב פון אויוען).

אַריין!

(עס קומען אַריין צוויי יונגע בחורים. איינער מיט לאַנגע האָר און אָהן אַ באָרד, דער צווייטע מיט אַ בערדיל און פליכטהאַטען קאָפּ).

דער לאַנגהאָריגער.

מיר האָבען די עהרע, איהר זענט דאָס דער וועלטבעריהם-טער הומאָריסט קאַצעניאַמער?

קאַצעניאַמער.

יאָ.

דער לאַנגהאָריגער.

מיר זענען געקומען צו אייך מיט אַ וויכטיגער, זעהר וויכ-טיגער ביטע. מיר זענען פינטשעווער ליטעראַטען, זענען מיר, און מיר קומען צו אייך פון פינטשעוו. מיר ווילען דאָרט אַרויסגע-בען אַ הומאָריסטישען וויציגען וויץ-בלאַט, מיט הומאָר און סאַ-טירע און איראָניע. דאָס בלאַט בעדאַרף ערשיינען דעם לעצטען טאָג חנוכה. שטאָף האָבען מיר גוואַלדיגען—מיט מאָנאָלאָגען, הו-מאָרעסקען און פעליטאָנען און פוטוריסטישע ליעדער.

פליכעוואַטער.

מיט פראַגמענטען און מיט ציקלען...

לאַנגהאָריגער.

מיט פראַגמענטען און מיט ציקלען, פאָעמען און מאַנוסקריפּ-טען. היינט וויצען האָבען מיר—פּלאַם—פייער. אָט וועל איך אייך אויף טשיקאַוועס איבערלייענען אַ צעהנדליג וויצען, וועט איהר זעהן. מען קאָן פּלאַצען לאַכענדיג. איהר הערט זיך נאָר גוט איין. אַ מלמד איז אַמאָל געגאַנגען אין באָד...

פליכעוואַטער.

וואָס זשע זאָגסט דו גישט, אַז דאָס איז מיין וויץ?

לאַנגהאָריגער.

דאָס איז גישט דיין וויץ, נאָר מיין וויץ!

פליכעוואַטער.

ס'איז דיין וויץ אַ, דו ליגנער! קוק מיר אין די אוגען! דער וויץ מיט דעם מלמד אין באָד איז דיין וויץ? דיין וויץ איז, דאַכט זיך, מיט דעם בראָדעווקע און שוויגער. אָבער דער וויץ מיט דעם מלמד אין באָד איז מיין וויץ! דאָס האָב איך דאָך איהם דער ערשטער דערצעהלט אויף אונזער ערשטער רעדאַק־ציאָנס-זיצונג.

לאַנגהאָריגער.

אמת, דו האָסט איהם טאַקע דערצעהלט; אָבער ווער האָט איהם בעאַרבייט? איך האָב איהם ליטעראַריש בעאַרבייט.

פליכעוואַטער.

מאַלע וואָס דו האָסט איהם בעאַרבייט, אָבער די אידעע איז דאָך מיינע.

לאַנגהאָריגער.

וואָס מיר אידעע, ווען מיר אידעע! די אידעע איז גאָרנישט, דער עיקר איז די פאָרם, די בעאַרבייטונג. פרעג דעם קלענסטען קריטיקער, וועט ער דיר זאָגען, אַז נישט די פאַבול איז דער עיקר, נאָר די פאָרם, די מאָראַלישקייט, די קונסט פון בעאַרבייטונג. וואָס, נישט אַזוי? שאַ, לאָמיר הערען, וואָס דער הער קאָצעניאַ־מער וועט זאָגען. וואָס איז, נאָך אייער מיינונג וויכטיגער—דער אינהאַלט צי די פאָרם?

פליכעוואַטער.

וואָס מיר פאָרם, וואָס מיר מאָראַלישקייט—אַבי דער וויץ איז מיינער!

לאַנגהאָריגער.

דיינער?

פליכעוואַטער.

מיינער!

לאַנגהאָריגער.

אַז דו ווילסט שטאַרק, האָסטו איהם אַרויסגע„לקח"ענט פון שייקע־פייפערס ביכעל. מיינסטו, איך ווייס נישט?

פליכעוואַטער.

איך האָב געלקח'ענט?

לאַנגהאָריגער.

ווער דען, איך האָב געלקח'ענט? ביסט אַ פּלאַגיאַט!

פליכעוואַטער.

ביסט אַליין אַ פּלאַגיאַט!

לאַנגהאָריגער.

מיאוסע בריאה!

פליכעוואַטער.

הונט! ליגנער! און נאָך אַ שרייבער!

לאַנגהאָריגער.

ניין, דו ביסט אַ שרייבער!

פליכעוואַטער.

איך האָב מעהר טאַלאַנט פון דיר!

לאַנגהאָריגעע.

וואָס איך האָב טאַלאַנט אין מיין מינדסטען נאָגעל, האָסטו נישט אין דיין גאַנצען קאָפּ! אינטעליגענט פּאַסקודנער!

פליכעוואַטער.

ביסטו אַ אינטעליגענט!

לאַנגהאָריגער.

ווייסט דאָך אַפילו נישט, וואָס אַזוינס איז אינטעליגענט!

פליכעוואַטער.

דו ווייסט!

לאַנגהאָריגער.

אוודאי ווייס איך! איך האָב שוין נישט איינמאָל אַרויסגעזאָגט אויף אַ דיסקוסיע, אַז אַ אינטעליגענט איז... שאַ, נאָ'מיר הערען, וואָס דער הערר קאַצעניאַמער וועט זאָגען, — וואָס איז אַזוינס אַ אינטעליגענט?

קאַצעניאַמער.

אַך, מיינע פריינד... איהר מוזט מיר היינטיגען טאָג ענטשולדיגען. איך האָב אַזאַ צייהן-וועהטאָג, אַז גאָט זאָל רחמנות האָבען.

בײדע יונגעלײט.

כאַ-כאַ-כאַ!...

לאַנגהאָריגער.

עס איז דיר אַזוי פּסיכאָלאָגיש, אַז אַ הומאָריסט דאַרף לײדען אויף צײן-װעהטאָג. אַלע הומאָריסטען האָבען צײן-װעהטאָג.

פּליכעװאַטער.

און איך האָב געמײנט, אַז דאָס איז אַ װיץ. כאַ-כאַ-כאַ!..

קאַצעניאַמער. (מיט תחנונים)

טאָ לאָזט מיך טאַקי אָב. אײערע װיצען װעל איך שױן אַנ'אַנדערע מאָל לעזען. איך װעל זײ שױן לעזען געדרוקטערהײד. איהר װעט דאָך מיר צושיקען אַ נומער...

לאַנגהאָריגער.

װאָס הײסט אַ נומער, דרײ נומערען װעלען מיר אײך צושיקען!

פּליכעװאַטער.

װאָס הײסט דרײ,—פופציג נומערן װעלען מיר אײך צושיקען! אדרבא, איהר װעט אונז טאַקי העלפען זײ פערקױפען. איהר, צװישען אײערע בעקאַנטע, קאָנט דאָ פערקױפען אַודאי 200 עקזעמפּלאַרען. איהר זענט דאָך עפּיס אַלײן אויך אַ ליטעראַט, איז דאָך די ליטעראַטור מסתמא אײך טײער.—

קאַצענימער.

יאָ, יאָ, איך װעל פאַר אײך אַלץ טהון. נאַר לאָזט מיך צורוה איצטער, איך בעט אײך, איך בין אַזוי קראַנק.—

לאַנגהאָריגער.

גוט, גוט, מיר װעלען אײך לאָזען צורוה, נאָר... אײגענטליך האָבען מיר אײך נאָך ניט געזאָגט װעגען װאָס מיר זענען געקומען...

קאַצעניאַמער.

נאָך ניט געזאָגט! אָ, מײנע צײהן!...

לאַנגהאָריגער.

די געשיכטע איז אַזױ... אַזױ װי איהר װײסט שױן, װעט

אונזער הומאָריסטישער בלאַט זיין פלאַם-פייער. אַז דערלאַנגען מיר דאָרטען אונזערע כלל-טהוער. איבערהויפּט דעם גבאי, דעם קמצן...

פליכעוואַטער.

נחום תנחום הייסט ער.

לאַנגהאָריגער.

שלאָג נישט איבער. נחום-הנחום הייסט ער, יאָ. אַי כאַפּט ער עס דאָרטען אַ גוטען חלק. מיר האָבען אויף איהם אַ סאַטי-רע, אַז ער וועט זיך בעגראָבען לעבעדיגערהייד. היינט דער קדיש אונזערער... היינט לאָכען מיר דאָרטען אָב פון אונזער בלאָטע מיט די לאַמטערנעס מיט דעם פאַנאַטיזמוס און אַסימילאַציע. און זאָ-לען זיי וויסען! מען קאָן דאָך נישט לעבען אין אַזאַ פינסטער-ניש, אַז עס ציהט אונז צו ליכטיקייט, צו קאָסמאָפּאָליטיזמוס...

קאַצעניאַמער.

גוט. טאָ וואָס זשע ווילט איהר פון מיר?

לאַנגהאָריגער.

האָט קיין פעראיבעל נישט... יאָ, איז ווילען מיר מיט אונ-זער בלאַט אריינברענגען אביסעל קולטיר און ליכטיגקייט אין די ברייטע שיכטען פון די מאַסען. נאַציאָנאַליזמוס און קאָסמאָפּאָלי-טיזמוס.

פליכעוואַטער.

און פערטרייבען די פינסטערע רעאַקציע מיט דער אַסימי-לאַציע מיט דעם שאָוויניזמוס.

לאַנגהאָריגער.

און פעטרייבען די פינסטערע רעאַקציע מיט די אַסימילאַציע מיט דעם שאָוויניזמוס. יאָ, איז ווילען מיר פין אייך אַ קלייניג-קייט: איהר זאָלט אונז געבען עפּעס אַ פּאַסיגען נאָמען פאַר אונ-זער וויץ-בלאַט. מיר האָבען שוין איבערגעטראַכט וואָס פאַר אַ נאָמען איהר ווילט „דער שמייסער", „דער פייפער", „די קאָבע-לעפעל", „דער קוימענקעהרער", „דער יקנה'ז", „דער קנאַקניסעל", „דער לאָקש", „דער בוידעם"...

פליכעוואַטער.

„דער סמבטיון", „דער פיפערנאָסטער", „דער מויל-אייזעל", „דער וויזעלטיער", „דער קנאַקער", „דער ים-קאָטער"...

לאַנגהאָריגער.

„דער פוסט און-פּאַסניק", „דער לעדיג-גייער", „דער יאָק-טער", „דער אשמדי", „דער מחבל", „דער קונדס", „דער גרי-נער אַגרעס"...

פליכעוואַטער.

„דער שלים-מזל", „דער בלייערנער פויגעל", „די פּאַמ-פּושקע", „דער ריבאייזען", „דער שבת-גוי", „דער כל-בויניק", „דער לאָקשענברעט".

קאַצעניאַמער.

אוי, מיינע צייהן!

לאַנגהאָריגער.

האָט קיין פּאַראיבעל נישט, בלויז אַ פּאָר ווערטער.. ווי געפעלט אייך, למשל, דער נאָמען „פּאַרפעל-שלינגער".

קאַצעניאַמער.

„פּאַרפעל-שלינגער"... זאָל זיין „פּאַרפעל-שלינגער"...

פליכעוואַטער.

און איך האַלט דוקא נישט פון „פּאַרפעל-שלינגער". עס רעדט נישט צום מוח און נישט צום האַרצען. שוין בעסער, „דער פלאָקען-שיסער" עס קלינגט: פלאָ-קען-שיס-ער!! נישט אַזוי, פּאַניע קאַצעניאַמער?

קאַצעניאַמער.

זאָל זיין „פלאָקען-שיסער"...

לאַנגהאָריגער.

און איך זאָג אייך בעסער איז „פּאַרפעל-שלינגער".

פליכעוואַטער.

און איך זאָג אייך, אַז בעסער איז „פלאָקען-שיסער".

לאַנגהאָריגער.

מיין נאָמען איז אַ בעסערער: „פּאַרפעל-שלינגער! פּאַרפעל-שלינגער!

פליכעוואַטער.

דיין נאָמען איז עס? ליגנער! איך האָב דאָך צום ערשטען געזאָגט „פאַרפעל-שלינגער“, נאָר „פלאָקען שיסער“ געפעלט מיר בעסער. —

לאַנגהאָריגער.

דאָס האָב איך געזאָגט דער ערשטער „פאַרפעל-שלינגער“.

פליכעוואַטער.

איך האָב געזאָגט צום ערשטען „פאַרפעל-שלינגער“ און איך קאָן דיר בעווייזען מיט ראיות!

לאַנגהאָריגער.

בעוויז, נו!

פליכעוואַטער.

נאַ דיר...

(שטעגט איהם אונטער א קאמבינאציע פון פינגער, וואס איז ענליך כמעט צו א פארפעל־שלינגער).

לאַנגהאָריגער.

פאַר אַזעלכע זאָכען וועסטו ביי מיר כאַפּען אין די צייהן. דו הערסט, פעסימיסט!

פליכעוואַטער.

דו ביסט אַליין אַ פעסימיסט! דו וועסט ביי מיר כאַפּען אין ביסק אַריין!

לאַנגהאָריגער.

ווער דו? אַך... דו, גנב! —

פליכעוואַטער.

ממזר!

לאַנגהאָריגער.

אַז איך בין אַ ממזר ביסטו אַ אינדיווידואום!

פליכעוואַטער.

וואָס האָסטו געזאָגט? „אינדיווידואום“ פאַר? אַזעלכע ווערטער וועל איך דיר ניט שווייגען! נאַ דיר, נאַ דיר!

(עס ברעכט אויס א געשלעג, עס פליען פעטש, שטורכעס, טינטערס, פאפיר. עס ווערט א מישעניגע, קאצעניאמער ווייל פונאנדערגעמען און כאפט אויך קלעפ.

(עס לויפט אריין די בעל־הביתטע און נעמט אנטייל אין ראזרופע, ביז זי שטופט ארויס די צוויי פארשוינען. קאצעניאמער פאלט א נידער א צעשלאגע־נער און א צוקאליעטשעטער אויפן בעטעל).

בעל הבית׳טע (קערט זיך אום)

האט איהר געזען א ביסעל?

קאצעניאמער (גיט זיך פלוצלונג א שטעל אויף פון בעטעל מיט א שמחה).

בעל הבית׳טע לעבען! כ׳האב!

בעל הבית׳טע.

וואס האט איהר? צייהן־וועהטאג?

קאצעניאמער.

איך האב! איך האב!

בעל הבית׳טע.

צעשלאגענע זייטען?

קאצעניאמער.

ניין, איך האב א טעמא, אט דאס גופא וועל איך בע־שרייבען! מיין צייהן־וועהטאג, מיט דער גאנצער מישענינע, מיט די נודניקעס, הורא! א הומארעסקע אויף חנוכה!...

(פארהאנג)